STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05736

# 1863

A. Almi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אַלמי

# 1863

(יידישע פּאָווסטאַניע = מעשהלעך)

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב
וואַרשע 1927

A. ALMI ROK 1863

Wydawnictwo SZ. GOLDFARB

Warszawa, Dzika 31.

Druk. „REKORD" Dzika 1

~~978135~~ yi628, c.1

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| באַמערקונגען צו די מעשהלעך | VII |
| דער רואה ואינו נראה | 13 |
| דער שטומער מאָטל | 18 |
| דאָס געזאַנג פון דער תּליה | 24 |
| בנימינלע קרייער | 29 |
| דער פעטער זלאטע | 35 |
| ר׳ געצעלע דין | 39 |
| יונה דער פישער | 45 |
| גראָ געוואָרן | 50 |
| די פארשאָלטענע שטוב | 55 |
| די דריי ברידער | 60 |
| דאָס משוגענע פאָרפאָלק | 64 |
| דער תּקיעת כּף | 68 |
| שדים | 76 |
| דער פאַרשטערטער כּל־נדרי | 81 |
| חיימל פּרוש | 86 |
| דער בלבול | 91 |
| די לויה | 96 |
| די שטראָף פאַר ליבע | 100 |
| שבת אין גרוב | 106 |

דאָסדאָזיקע בוך איז א מתנה
מיינע עלטערן
שלמה זלמן
און רייזל גיטל
שעפס

# באַמערקונגען צו די מעשהלעך

די מעשהלעך, וואָס גייען אַריין אין דעמדאָזיקן בוך, זענען פריער געדרוקט געווען אין דער וואַרשאַווער טעגלעכער צייטונג „דער מאָמענט“ (1910—11) און האָבן אַרויסגערופן אַ היפּשן אינטערעס ביים עולם; מיט דער אויסנאַם פון צוויי מעשהלעך, וואָס איך האָב געהערט פון דעם זקן שלמה הירש ליקערמאַן, האָב איך אַלע מעשהלעך געהערט פון מיין באָבען, חיה שעפּס.

מיין באָבע (געבוירן אין נאַשעלסק און געשטאָרבן אין וואַרשע דעם 25=טן מערץ, 1918, אין עלטער פון 82 יאָר, האָט באַזעסן אַן אויסערגעוויינטלעכן זכרון און אַ זעלטענע פעאיקייט צו דערציילן מעשיות אָדער פאָרזינגען פאָלקס=לידער; טיילע פון אירע פאָלקס=לידער, וואָס זי האָט נאָך געדענקט פון איר מאַמען און איר באָבען, זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין נח פּריליצקיס זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר.

בעת דער „מאָמענט“, וואו איך בין דאַמאָלט געווען אַ רעדאַקציאָנס-מיטגליד, האָט איינגעפירט אַ ספּעציעלע וואַרשעווער אָפּטיילונג און דער רעדאַקטאָר, ה׳ צבי פּרילוצקי, האָט מיך געבעטן עפּעס ביי צוטראָגן צו דעראַזיקער בריק, האָב ה

איך זיך דערמאָנט, אַז מיין באָבע פלעגט מיר אין מיינע קינדער־יאָרן דערציילן שיינע מעשהלעך וועגן פּוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1863, און איך האָב דעריבער געבעטן מיין באָבען זי זאָל זיי מיר איבערדערציילן.

איך האָב זיך געהאַלטן אויף ווי ווייט מעגלעך געטריי צו איר נוסח, צו איר שטייגער דערציילן, אָבער אָפּגעווייכט פון איר אַרט אַרויסרעדן די ווערטער, צוליב דעם, וואָס איך האָב די מעשיות געדרוקט אין א טעגלעכער צייטונג, וואו דער ספור־המעשה אליין איז די הויפּטזאַך.

איך גלויב אָבער, אז די מעשיות אליין האָבן א קולטור־היסטאָרישן — און אפשר אויך א היסטאָריש־פּאָליטישן ווערט... אמת, עס איז מיר שווער צו זאָגן אויף וויפל די אָדער יענע מעשה באַרוט אויף א ווירקלעכער פּאַסירונג און וועלכע איז לויטער פיקציע; אָבער אין יעדן פאַל ווייזט עס אונז אין וואָס פאַר א ריכטונג דער יידישער מח האָט אין פּוילן געאַרבעט.

אין יענער צייט, בעת איך האָב די מעשהלעך פאַרצייכנט, האָב איך אליין אויך אויף זיי געקוקט ווי אויף צייטונגס־שטאָף, נישט טראַכטנדיק וועגן אַרויסגעבן זיי ווען־ס'איז אין בוך־פאָרם; אנדערש וואָלט איך ערנסטער זיך באַצויגן צו זייער אינהאַלט— און דאַמאָלט, בעת מיין באָבע האָט נאָך געלעבט, וואָלט מיר פיל גרינגער געווען אויסצופאָרשן דעם אורשפּרונג פון די מעשהלעך. איך האָב אָבער דערפון נישט געטראַכט ביז אין די לעצטע יאָרן, זינט פּוילן איז געוואָרן א זעלבסטשטענדיקע מלוכה און פון פאַרשיידענע זייטן האָט מען מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט איך זאָל די „פּאָוו־סטאַניע"־מעשהלעך אַרויסגעבן אין בוך־פאָרם.

מיין באָבע האָט געהאַט א סך פּערזענלעכע ערינערונגען פון דער „פּאָווסטאַניע" אין 1863, צוליב דעם, וואָס איר ער־

שטער מאַן יודל אזראָוויטש, א געבוירענער פון לאָמזשע, האָט זיך באטייליקט אינם אויפשטאנד, אויף דער פּוילישער זייט. ווי זי האָט מיר דערציילט איז ער געווען עפּעס אן עלצטער, א „נאטשעלניק" אין דער רעוואָלוציאָנערער ארמיי, און ער איז געקראָכן אין די גרעסטע געפארן, און מיט פארשיידענע אייַנפאלן זיך ארויסגעדרייט פון די רוסן.

נאָר איינמאָל, זעענדיק אז די רוסן זענען אויף זיין שפּור און ער וועט זיך דאָסמאָל נישט ארויסדרייען פון דער תליה, איז ער אנטלאָפן קיין אויסלאנד און פארשוואונדן ווי אין וואסער אריין. מיין באָבע האָט דאן בארייזט כמעט גאנץ אייראָפּע, זוכנדיק אים און צום סוף אים געפונען אין לאָנדאָן. זי האָט אָבער נישט געוואָלט בלייבן וואוינען אינם נישט-פרומען לאָנדאָן און זי האָט פון אים ארויסגעקריגן א גט.

אינטערעסאנט איז, וואָס די מעשהלעך בנוגע איר ערשטן מאַנס איבערלעבענישן אין דער „פּאָווסטאַניע" האָט זי מיך געבעטן „נישט ארייַנצושטעלן אין בלאט"; און דאָ וויל איך נאָך עפּעס באמערקן: עס קאָן זיין, אַז ווען מיין באָבע ווייס נישט, אַז איך פארשרייב דאָס פאר א צייטונג, וואָלט זי אפשר דערציילט נאַטירלעכער. אַזוי האָט זי געזוכט די מעשהלעך צוצופּוצן, זיי זאָלן אויסזען שענער פאר דער וועלט... יעדנפאלס איז מיין איינדרוק, אַז זי האָט מיר די „פּאָווסטאַניע"-מעשהלעך דערציילט א סך שענער בעת איך בין געווען א קינד; אפשר דאכט זיך עס מיר דערפאַר, וואָס איך בין דאן מיט אַזוי פיל יינגער געווען — און אויך מיין באָבע איז געווען יינגער און איר זכרון קלאָרער...

אין 1910, בעת איך האָב פארצייכנט אירע „פּאָווסטאַניע"-מעשהלעך האָב, איך איר וועגן טייל פון די מעשיות געשטעלט

Free Public Library, Newark, N. J.

געוויסע פראגן, זייענדיק נייגעריק צו הערן איר דערקלערונג איינע פון די פראַגן, געדענק איך, איז געווען, בנוגע דער אינדיפערענץ, אָדער זאָגאַר געגנערשאפט פון טייל יידן צו דער יידישער באטייליקונג אין דעם אויפשטאַנד — לויט ווי דאָס שפיגלט זיך אָפּ אין אייניקע פון אירע מעשהלעך. איר ענטפער איז זייער כאַראקטעריסטיש:

„אַ סך יידן האָבן דאמאָלט געזאָגט, אז דער סוף וועט זיין, דאָס די פּאָליאקן וועלן אלץ ארויפלייגן אויף די יידן און זיך פאר די רוסן אָפּשאָקלען, אזוי ווי דאָס האָט שוין געהאַט פּאסירט”...

איך וויל נאָך צום סוף באמערקן, אז דער זקן שלמה הירש ליקערמאַן, וועמענס צוויי מעשהלעך איך ברענג אין דעמדאָזיקן בוך, האָט מיר דערציילט נאָך א מעשה, וועלכע איך האָב לכתחילה נישט פארצייכנט, ווייל איך האָב דיזעלבע מעשה שוין פריער געהערט פון מיין באָבען. דאָס איז באמת געווען א פארזען, ווייל ערשטנס וואָלט כדאי געווען צו פּאַרגלייכן זיין וואַריאַנט מיט דעם פון פריער פארצייכנטן; צווייטנס, וואָלט עס מיך אפשר דערפירט צום מקור פון די אנדערע מעשהלעך. זייענדיק אָבער אין יענער צייט אומדערפארן אין פאָלקלאָריסטישער פאָרשונג (און, אייגנטלעך, בין איך נאָך אצונד אויך נישט קיין פאָלקלאָריסט...), האָב איך אַ סך אזעלכע „קליינינקייטן” פארזען. יעדנפאלס באווייזט דערדאָזיקער פאַל מיט דעם זקן ליקערמאַנס ענלעכער „פּאָוסטאַניע”-מעשה, אז א טייל, אָדער אַלע מעשהלעך, וואָס מיין באָבע האָט מיר דערציילט, צירקולירן—אָדער האָבן צירקולירט — אין פאָלק.

טייל פון די מעשהלעך זענען אזוי שיין און רייך אין עפּיזאָדן און אין פאַנטאַסטיש לעגענדאַרישן עלעמענט, אַז זי

קענען דינען ווי אַ זעלטענער שטאָף פאר דעם יידישן קינסט־לער, פאַר דעם בעלעטריסט; און אפשר זענען זיי שענער אַזוי, אָט ווי זיי שטייען און גייען, אַזוי ווי מיין באָבע און אַנדערע באָבעס און זיידעס האָבן זיי דערציילט?...

ניו־יאָרק, סעפטעמבער, 1925.

**א. אלמי (א. ח. שעפס**

# דער רואה ואינו נראה

גערופן האָט מען אים „שמחהלע זקן׳, אָדער „רואה ואינו נראה. צו יענער צייט איז ער שוין געווען א זקן פון א יאָר 80 און אַלטע לייט האָבן ד ילט, אז מיט פופציק יאָר פריער האָט ער פונקט אזוי אויסגעזען... פלוצלונג איז ער פארפאלן געוואָרן און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. זיין נעלם-ווערן איז פונקט אזוי וואונדערבאַר ווי זיין גאַנץ לעבן.

שמחהלע זקן איז געווען א ייד אן אביון און געוואוינט אין א האַלב איינגעפאלן הייזל אויף שימאַנאָווסקי גאַס*); חוץ דעם איז עס אים געגאַנגען מיט דער פוטער אראָפ. דאָס ווייב זיינס איז אים אוועקגעקומען אין אַ קימפעט; דאָס קינד, וואָס איז אים נאָך איר געבליבן, איז ארויסגעפאלן פון פענסטער, ווען עס איז דריי יאָר אַלט געווען, און געהרגעט געוואָרן.

נאָר שמחהלע זקן האָט אַלץ פארליב גענומען, פאַרשטייענדיק, אז עס איז פון גאָט און אז אזוי דארף צו זיין. און

---

*) א גאַס, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק עקזיסטירט אין ווארשע. דאָרט וואו ס׳איז דערנאָך געבויט געוואָרן דער ציטאַדעל.

ער האָט זיך אָפּגעבען מיט צדקה און גוטע מעשים. איז דאָך א קשיא: ווי קאָן א ייד, וואָס איז א קבצן אין אלע פּאָלעס, זיך אָפּגעבן מיט צדקה? אָבער אז א מענטש וויל טון צדקה, געפינט ער שוין א וועג און שמחהלע האָט זיך געפונען זיין וועג: ער איז ארומגעגאנגען צווישן די װארשעווער רייכע יידן און ביי זיי אויפגעקליבן פאר אָרימעלייט. איז ער געוואָר געוואָרן, אז ערגעץ געפינט זיך א הונגעריקער, האָט ער שוין נישט גערוט ביז ער האָט יענעם באזאָרגט מיט אלעס נויטיקע; ווינטער האָט ער צו נויטבאדערפטיקע צוגעשטעלט קוילן און האָלץ, וועלכע ער האָט צונויפגעשלעפּט שטיקלעכווייז פון גאנץ װארשע.

אליין האָט ער פון די אַלע זאַכן נישט טועם געווען. דערנבערט האָט ער זיך דערפון, וואָס ער האָט עמיצן אונטערגעטראָגן א פּעקל, אונטערגעשטופּט א וועגעלע און אַנדערע אַזעלכע אַרבעט, פאר וועלכע ער האָט באקומען א שיבוש... עס איז גרינג צו פארשטיין, אז אלע, וואָס האָבן געקענט שמחהלען, האָבן אים ליב געהאַט און אים געאַכט פאר זיין גוטסקייט און גאָטספאָרכטיקייט, בפרט, אז ער איז טאַקע געווען א גרויסער בקי אין די דראָבנע אותיות און יעדן שבת פלעגט ער אין שול לערנען מיט אַן עדה יידן.

בעת דער פּאָוסטאַניע האָט זיך שמחהלע אמאָל דערוואוסט, אז אין די וועלדער געפינען זיך מענטשן, וואָס האָבן ממש נישט מיט וואָס דאָס הארץ צו דערכאַפּן. און ער איז אַזש אויפגעציטערט: ס'טייטש, ביי אים אין טאָרבע געפינט זיך אזוי פיל עסנוואַרג און מענטשן זאָלן ליידן הונגער! האָט ער געכאַפּט די טאָרבע און זיך געלאָזט אין וואלד אריין: אויפן וועג באגעגנט אים א באקאנטער און פרעגט אים: „וואו

צייט איך דאָס, שמחהלע ז״ „אין לאגער אַריין צו די פּאָוו־סטאַנצעס״, ענטפערט ער הויך.

— ש—אַ! — האָט זיך דער באַקאַנטער דערשראָקן, — מ׳קאָן נאָך דערהערן.

שמחהלע קאָן אָבער נישט פאַרשטיין פאַרוואָס מ׳דאַרף זיך היטן. טוט ער, חלילה, א חטא? ער גייט דאָך העלפן הונגעריקע, טון א מצווה...

דער באַקאַנטער וויל אים אָפּהאַלטן, אָבער שמחהלע וויל פון גאָרנישט הערן און ער לאָזט זיך ווייטער אין וועג אַריין.

אז שמחהלע איז געקומען אין וואלד אַריין, האָט ער זיך געפרעגט ביי יעדן, וואָס ער האָט באַגעגנט, וואו די פּאָוו־סטאַנצעס זענען. טייל האָבן זיך אָפּגערוקט מיט שרעק און אנדערע האָבן געמיינט, אז דער ייד איז משוגע. אָבער צום סוף האָט ער אָנגעטראָפן אויף די פּאָווסטאנצעס גופא און אַז זיי האָבן געהערט נאָך וואָס ער האָט זיינע אלטע פיס גע־שלעפט אזוי ווייט, האָבן זיי אין זיינע אויגן דערקענט, אַז ער מיינט עס ערלעך און אים פיין אויפגענומען.

פון דאַמאָלט אָן איז שמחהלע זקן יעדן טאָג געגאַנגען אין וואַלד מיט פולע טאָרבעס עסן און מיט דער צייט איז ער ביי די פּאָווסטאַנצעס געוואָרן אַ גאַנצער שליח. זיי האָבן אים געגעבן געלט אויף איינקויפן פאַרשיידענע קליידערוואַרג און עסן — און ער האָט אַלץ פּינקטלעך דורכגעפירט. ער איז פאַר זיי געווען ווי געוואַנטשן, ווייל אויף אַזאַ אַלטן פרומען יידן האָט קיינער נישט געקענט וואַרפן קיין חשד.

מיט דער צייט אָבער האָט זיך פּאָניע דערוואוסט, אַז עפּעס אַ יידל שטעלט צו צו די בונטאָווטשיקעס פּראָוויאַנט און מ׳האָט אים גענומען היטן. פּאָניע האָט אים אבער נישט

נעקענט פּאַקן. טיילמאָל איז ער דורכגעגאַנגען דורך דעם רו־סישן מיליטער און קיינער פון זיי האָט אים נישט געזען. פּאַניע האָט זיך מייאש געווען אים צו כאַפּן און אפילו אויפ־געהערט צו גלויבן אין דער גאַנצער מעשה מיט דעם אַלטן יידן.

מאַכט זיך איינמאָל א מעשה, אז ווי שמחהלע גייט זיך אזוי אין וואלד מיט אַ פולער טאָרבע, הערט ער ווי מען קרעכצט. ער קוקט זיך ארום פון וואַנען דאָס קרעכצן קומט, זעט ער, אז אויף דער ערד נעבן א בוים ליגן צוויי פאַר־וואונדעטע רוסישע זעלנער און בעטן הילף. האָט אים אַ שטאַרק רחמנות אַרומגענומען צו די אומגליקלעכע און ער האָט זיי געהאָלפן אויף וויפיל ער האָט געקענט; ער האָט פאַרבונדן זייערע וואונדן, געגעבן זיי צו ביסלעך מילך, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט. נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט און איין סאָלדאַט איז ביי אים אונטער די הענט געשטאָרבן, דעם צווייטן האָט ער גענומען אויף די פּלייצעס און אים געטראָגן, ביז ער האָט אָנגעטראָפן א פורל, וואָס האָט דעם גערהאַנירטן אַרויפגענומען און שמחהלע האָט אים אָפּגעפירט קיין ווארשע אין שפּיטאָל פון „רויטן קרייץ".

די רוסישע נאַטשאלסטוואָ האָט אים באַדאַנקט און, ווי מען זאָגט, האָט ער אויך געקריגן א מעדאַל. נאָר אז די פּאָזי־ציאַנעס האָבן זיך דערוואוסט, אז ער האָט געהאָלפן רוסישע סאָלדאַטן, זענען זיי אויף אים בייז געוואָרן און אים מער נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך. שמחהלע האָט דערפון געהאַט גרויס קרענקונג און ער האָט בשום־אופן נישט געקענט פאַר־שטיין, וואָס מען וויל פון אים האָבן — ער האָט דאָך געהאָלפן אומגליקלעכע!

א שטיקל צייט שפּעטער האָט אים עמיצער פאַרמסרט

בּײַ נאַטשאַלסטוואָ, אַז ער איז דאָס דער ייִד, וואָס שטעלט־צו פּראָוויאַנט צו די פּאָוסטאַנצעס און מען האָט אים אַרעסטירט. נאָר דער זכות פֿון דעם רוסישן סאָלדאַט, וועלכן ער האָט גע־האָלפֿן, האָט אים געראַטעוועט פֿון טויט. נאָכדעם איז שמחהלע פּלוצלונג פֿאַרשוואונדן און מ׳האָט קיינמאָל נישט אויסגעפֿונען וואו ער איז אַהינגעקומען.

# דער שטומער מאָטל

אין דער פּאָוסטאַניע־צייט איז שטאַרק באַרימט געוואָרן אין אייניקע געגנטן פון וואַרשע, איבערהויפּט אין דאָרף אַכאָטאַ, דער שטומער מאָטל. „שטומער" האָט מען אים גערופן, ווייל—ער האָט געהאַט אַ טבע אַ סך צו רעדן... דאַמאָלט איז ער געווען אַ בחור פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אַ שניידער, און זיינע איינפאַלן און שטיקלעך האָבן געהאַט אַ שם אויף מיילן אַרום; זיינע גלייכווערטלעך זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל. אַלע, וואָס האָבן אים געקענט, סיי יידן און סיי קריסטן, האָבן דעם פריילעכן שניידער־יונג ליב געהאַט.

איינמאָל, אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט איז דאָס געווען, פאַר ליכט בענטשן, האָט מאָטל זיך געאיילט צו זיין שטיבל, וואָס ער האָט געהאַט בירושה און וואו ער האָט געוואוינט. ער איז שוין געווען נאָנט צום שטיבל, וואו ער האָט פּלוצלונג דער־הערט אַ געשריי, אַ טומל, און אַז ער האָט זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט האָט ער דערזען אַ מחנה פּאָוסטאַנצעס לויפן; די פּאָוסטאַנצעס האָבן זיך פאַרקירעוועט אין נאָנטן געדיכטן וועלדל און פאַרשוואונדן. מאָטל האָט זיך אויך געוואָלט אָפּטראָגן, נאָר ס'איז שוין צו שפּעט געווען. איידער וואָס־ווען זענען רוסישע

סאָלדאַטן אויסגעוואַקסן און אַן אָפיציר האָט שטרענג באַפוילן:

— נעמט אים!

צוויי סאָלדאַטן האָבן מאָטלען גענומען אונטער די אָרעמס און די איבעריקע האָבן אים אַרומגערינגלט מיט אויסגעשטרעקטע פּיקעס. דער אָפיציר האָט דערווייל אים אָנגעהויבן אויספרעגן: ווער ביסטו? וואו גייסטו? און נאָכדעם ווי דער „שטומער" האָט זיך שוין גוט אויסגעשוואוירן מיט אַלע מעגלעכע שבועות, אַז ער ווייס פון גאָרנישט צו זאָגן, אַז ער איז אַ שניידער און דאָס קומט ער ערשט צוריק פון אַ קונד, ווען ער האָט אָפּגעטראָגן אַן אַנצוג, האָט מען זיך ערשט גענומען צו אים אויסגיי — נישט אַנדערש ער זאָל זיי זאָגן וואו די פּאָוסטאַנצעס האָבן זיך באַהאַלטן.

אָבער אַזאַ זאַך האָט מאָטל ביי זיך נישט געקענט פועלן. אַ מסור גאָר ווערן — דאָס וועט ער נישט, כאָטש צעהאַקט אים!

דער אָפיציר איז אָבער שטרענגער געוואָרן און געגעבן מאָטלען צו פאַרשטיין, אַז אויב ער וועט נישט זאָגן, וועט אים זיין ביטער. און אַז מאָטל האָט געזען, אַז אַזוי גלאַט אַרויסדרייען זיך פון פּאַניעס הענט וועט ער נישט, האָט ער גענומען טראַכטן וועגן פאַרשיידענע המצאהלעך.

פּלוצלונג האָט מאָטל אַ שטרעק-אויס געגעבן די האַנט און אָנווייזנדיק אויף זיין שטיבל, האָט ער אויסגערופן:

— אָט דאָרט האָבן זיי זיך באַהאַלטן!

דער אָפיציר האָט גלייך אַ באַפעל געגעבן די סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן מיט שטורעם אויפן הייזל, נאָר דאָ האָט אים מאָטל אָפּגעהאַלטן:

— וואַרט בעסער אויס אין דרויסן, — האָט ער אים גע-

זאָגט, — און איך וועל בעסער אַליין צו זיי אַריינגיין און זיי זאָגן, אַז איר זענט שוין אַוועקגעגאַנגען. וועלן זיי דאָך אַרויס־גיין און אַריינפאַלן גלייך אין אייערע הענט אַריין.

— מאַלאָדיעץ! — האָט אים דער אָפיציר צופרידן אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע.

די סאָלדאַטן זענען אַוועק אָן אַ זייט און מאָטל איז אַריין אין זיין שטיבל. דאָרט האָט ער צונויפגערוקט די מאַנע־קענס און אויף זיי אַרויפגעצויגן קליידער און היטלען, אַזוי ווי אויף לעבעדיקע מענטשן.

דערנאָך איז מאָטל אַרויס צו די סאָלדאַטן און זיי דער־ציילט, אַז די בונטאָווטשיקעס ווילן נישט אַרויסגיין. זיי האַלטן צוערשט אָפּ אַ באַראַטונג.

דער אָפיציר האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון, אַז די סאָלדאַטן זאָלן זיך לאָזן אויפן הייזל. דער שטומער מאָטל האָט זיך אין טומל דערווייל אָפּגעטראָגן און אַז די סאָלדאַטן זענען אַריין אינוויי־ניק און געזען די פיגורן מיט די מלבושים אויף זיך, האָבן זיי טאַקע געמיינט אַז דאָס זענען לעבעדיקע מענטשן און אָנ־געהויבן שיסן אויף זיי...

פון דאַמאָלט אָן האָט זיך מאָטל מער נישט געוויזן אין אָכאָטאַ. ער האָט זיך איבערגעקליבן קיין בראָדנאָ, און דאָס שניידעריי איז אים אויך נמאס געוואָרן, איז ער געוואָרן אַ צושטע־לער פון פּראָוויאַנט פאַר די פּאָוסטאַנצעס, און דאָ האָט ער ווייטער אָפּגעטון שפּיצלעך.

דאָס פּראָוויאַנט פלעגט ער פירן אין אַ וואָגן, וואָס איז פון אויבן איבערגעדעקט געוועזן מיט שטריק און אַז מ׳פלעגט אים אָפּשטעלן און פרעגן, וואָס ער פירט דאָ, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַ שטריק-דרייער און ער פירט די שטריק צום פאַרקויפן. איינמאָל, בעת ער האָט אַזוי געפירט פּראָוויאַנט אין

װאַלד אין צוגעגאַנגען צו דער באַהעלטעניש, וואו די פּאָר סטאַנצעס האָבן זיך אויפגעהאַלטן, און געזאָגט דעם סימן מ׳זאָל אים אריינלאָזן, האָט קיינער נישט געענטפערט.

שטייט ער אַזוי מיט פערד א װעגעלע און װאַרט. קומט אָן רוסיש מיליטער און מען גיט זיך א נעם צו אים:

— וואָס פירסטו דאָ?

— איר זעט דאָך, אַז שטריק, מיינע ליבע לייט. אַ שטריק־דרייער בין איך!

— זייער וואויל! און די פּאָוסטאַנצעס האָסטו דאָך אודאי דאָ אין וואַלד באַגעגנט. זאָג־זשע אונז אָקאָרשט, וואו זיי האָבן זיך ערגעץ באַהאַלטן!

פּרוּווט ער דאָך טענהן, אַז ער הייס נישט, אָבער די רוסן ווילן נישט הערן. זעט ער, אַז ס׳איז שלעכט, ווייל וואָס לענגער עס פאַרציט זיך, אַלץ מער איז ער אין געפאַר זיי זאָלן דערוויַיל באַמערקן וואָס ער פירט אין זיין וועגעלע. האָט ער זיך באַרעכנט, אַז אזוי ווי די פּאָוסטאַנצעס זענען סיי־ווי אין זייער באַהעלטעניש נישטאָ, וועט ער זיי אַהינשיקן.

און אזוי האָט ער געטון. די סאָלדאַטן האָבן זיך באַלד אַריינגעלאָזט אין דער באַהעלטעניש און מאָטל האָט, פאַרשטייט זיך, געמאַכט ויברח מיטן וועגעלע.

ווי ער איז נאָר אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג, וואַקסן אויס, ווי פון אונטער דער ערד, קאָזאַקן און ווידער דיזעלבע מעשה: וואו די פּאָוסטאַנצעס האָבן זיך באַהאַלטן? איצט קלערט שוין מאָטל נישט לאַנג און ער ווייזט זיי אָן אויף דערזעלביקער באַהעלטעניש און דערביי זיי אויך פאַרטרויט, אַז די פּאָוסטאַנצעס האָבן זיך פאַרקליידט פאַר רוסישע סאָלדאַטן...

מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט מאָטל באַשלאָסן אָנצוהויבן פירן אַ ר איק לעבן, חתונה האָבן און זיין מיט לייטן גלייך.

קיין כלה איז אים נישט שווער געווען צו קריגן — און ער האָט טאַקי געקריגן, נאָר ווען ער האָט איינמאָל, אין אַ שבת־דיקן טאָג, שפּאַצירט מיט זיין כלה, זענען אים אַנטקעגן געקומען עטלעכע סאָלדאַטן און אים דערקענט אַלס דעם חברה־מאַן וואָס האָט זיי אָפּגענאַרט. זיי האָבן אים אַרעסטירט און פאַר־שפּאַרט אין טורמע.

מאָטל האָט געזען, אַז איצט איז ער שוין אַ פאַרפאַלענער און עס איז אים שווער און ביטער געווען אויפן האַרצן ווייסנדיק, אַז זיין סוף איז שוין געקומען.

אויפן צווייטן טאָג פון מאָטלס „זיצן" האָט זיך פלוצלונג געעפנט די טיר און מאָטל האָט געמיינט, אז מ'איז שוין גע־קומען נאָך אים און מ'גייט איר פירן צו דער תליה. נאָר ער האָט אַ טעות געהאַט. מ'האָט צו אים אין קאַמער גאָר אַריינ־געוואָרפן אַ שייגעץ פון אַ יאָר צוואַנציק און די טיר צוריק פאַרשלאָסן.

דער שייגעץ האָט אויסגעזען טויט־שכור. דאָך האָט מאָטל מיט אים פאַרפירט אַ שמועס און פון אים דערגאַנגען, אַז אַרעסטירט האָט מען אים טאַקע, ווייל ער האָט אין שכורן צושטאַנד געמאַכט אַ מהומה און זיך געוואָרפן שלאָגן.

מאָטלען איז עפּעס דורכגעפלויגן אין קאָפּ. באַלד האָט ער זיך געווענדעט צום שכורן שייגעץ מיט אַ פראַגע:

— ווילסט פאַרדינען אַ פּאָר גילדן?

דער שייגעץ האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם.

— אויב אַזוי, לאָמיר זיך בייטן מיט די קליידער. ווען עס וועט קומען די צייט דיך אַרויסצולאָזן, וועל איך דיר צוריק־געבן דיינע קליידער און צוריקנעמען מיינע. כ'וויל זען, צי עס פּאַסן מיר גויאישע קליידער.

דער שכור האָט מסכים געווען און מ'האָט זיך געביטן,

אין עטלעכע מינוט ארום איז מאָטל געגאַנגען אָנגעטון אין שיי־
נעצס קליידער און דער שייגעץ איז געווען אָנגעטון אין מאָטלס
לאַנגער קאַפּאָטע מיטן יידישן היטל.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָט זיך די טיר געעפנט.
דער וועכטער האָט מיט אימפּעט אַ כאַפּ געטון דעם „שייגעץ”
— מאָטלען הייסט עס — און אים געבענדיק אַ בריק פון הינטן,
אים ארויסגעוואָרפן.

וואו מאָטל איז נאָך דער מעשה אַוועק, איז נישט באַ־
וואוסט, נאָר מען זאָגט, אַז ער האָט אָפּגעצויגן קיין אַמעריקע.

# דאָס געזאַנג פון דער תּליה

אין סטאַווּיסק (לאָמזער גובערניע) האָט זיך באַוויזן אַ מאָדנער מענטש, וועלכער איז פאַר אַלעמען געווען אַ רעטעניש. ער האָט זיך געהייסן רופן יאָסל און ער איז אַרומגעגאַנגען מיט שיך און זעקעלעך ווי אַ גוטער ייד; ער איז שוין גרייז־גראָ געווען און האָט אויסגעזען ווי אַ חשובער ייד, אַ צדיק, און ווער עס האָט נישט געוואוסט פון אים, האָט געקוקט אויף אים מיטן גרעסטן דרך־ארץ.

אָבער אין דער אמתן איז אָט דער שיינער פאַרשוין געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ גנב — אַ לאַנד־גנב, אַזוי האָט מען דערציילט אין שטעטל. אין סטאַווּיסק, וואו ער האָט זיך באַזעצט, האָט ער קיינעם אויף קיין האָר נישט אָנגערירט — אָט אַזוי ווי דאָס ווערטל זאָגט, אַז „וואו דער גנב שטייט איין, דאָרט גנבעט ער נישט". אויף גנבענען פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן אין די ווייטע מרחקים. דערפאַר פלעגט ער אַלעמאָל אויף אַ שטיק צייט פאַרפאַלן ווערן.

אָבער אין סטאַווּיסק האָט ער זיך נישט נאָר אויפגעפירט אָרנטלעך, ווי אַ פיינער באַלעבאָס, נאָר ער פלעגט נאָך העלפן אַנדערע, געגעבן מיט דער ברייטער האַנט און זיך

קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון צדקה, כיי עמיצער האָט זיך צו אים אָנגעשלאָגן נאָך הילף, סיי ער האָט אַליין אויסגעפונען, אַז ווער עס איז בויטיקט זיך. דערפאַר האָט אים קיינער נישט געטשעפּעט, וואָרום געכאַפּט ביי דער האַנט האָט דאָך אים קיינער נישט — און מאלע, וואָס מענטשן רעדן. מ׳ווייס טאַקע נישט פון וואַנען ער נעמט, נאָר וואָס קאָן מען וויסן?

נישט ווייט פון יאָסלען האָט געוואוינט דער שטאָט־חזן און ביים שטאָט־חזן איז געווען אַ משורר, נאָך גאָר אַ יונג בחורל. דאַכט זיך, אַז ער האָט געהייסן יאַנקעלע. אַ וואויל יינגעלע געווען, פאַרנומען דאָס לערנען און אַלע אין שטעטל האָבן אים ליב געהאַט. יעדער האָט אים מיט פאַרגעניגן געגעבן אַ „טאָג״, ווייל ער איז, נעבאַך, געווען אַ קיילעכיקער יתום. יאַנקעלע האָט געהאַט אַ טייער קולכל. צוקער־זיס און מען האָט אים פאָרגעזאָגט גאָר־גאָר אַ סך, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסע „כלי״. פון ווי ווייט פלעגט מען קומען אים צו הערן זינגען און זיין זינגען פלעגט, ווי שמעקנדיקער בוים־אייל, זיך צוגיסן אין אַלע אברים.

דער אַלטער יאָסל פלעגט אָפט אַריינרופן צו זיך יאַנקעלען און בעטן אים ער זאָל פאַר אים זינגען. דערפאַר האָט ער אים אָרנטלעך באַפרידיקט, און יאַנקעלע האָט פאַר אים אויסגעזונגען אַלע תפלות. מ׳דערציילט, אַז יאָסל פלעגט מיט פאַרמאַכטע אויגן אים אויסהערן און ווען ער האָט די אויגן צוריק אויפגעמאַכט זענען זיי פול געווען מיט טרערן. אָט די גאַנצע אויפפירונג פון דעם אַלטן יאָסל האָט ביי אַלעמען אין שטעטל נאָך גרעסער געמאַכט דאָס רעטעניש און מען האָט זיך געסודעט, אַז אויף דעם אַלטנס געוויסן ליגט אַ שווערע משא און אַז עס האָט אים אַמאָל געמוזט אַ גרויסע בראָך טרעפן, פון וואָס ער איז דורך פאַרצווייפלונג געקומען צו זיין איצטי-

קער מדרגה. ביי אַ סך האָט זיך אַפילו דערוועקט אַ רחמנות צו אים און קיינער האָט נישט געשטערט יאַנקעלען צו זינגען אין הויז פון דעם עלנטן און געפאַלענעם, וואָס האָט געלעבט אַליין, אָן ווייב אָדער קינדער, ווי אַ שטיין.

נאָר פּלוצלונג האָט מען יאַנקעלען אוועקגענומען קיין שצוצין, צום דאָרטיקן חזן און דאָס גאַנצע שטעטל האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס דאָס איידעלע קינד איז פון דאָרט אַוועק. נאָר מער פון אַלעמען האָט עס באַדויערט דער אַלטער יאָסל. פאַר אים איז עס געווען ווי מען וואָלט זיין אייגן קינד פון אים אַוועק־געריסן. ער האָט זיך דערפון אַזוי מצער געווען, אַז ער האָט אויסגעזען ווי אַ שאָטן. איינמאָל איז ער עקסטרע אַוועקגעפאָרן קיין שצוצין און אויפגעזוכט יאַנקעלען. ער האָט זיך ביים אים געבעטן ער זאָל מיט אים צוריקגיין קיין סטאַוויסק און ער וועט אים דאָרט אויסהאַלטן אויף אַלעם גרייטן, ווי אַן אייגן קינד.

אָבער יאַנקעלע האָט גאָרנישט געוואָלט הערן פון דעם. וויפיל יאָסל האָט אים נישט אַריינגעטענהט, האָט עס נישט געהאָלפן, און דער אַלטער איז צוריק אַוועק קיין סטאַוויסק, מיט גאָרנישט. נאָר אין זיין האַרץ האָט זיך צובראָכן אַ גרויסע רציחה צו יאַנקעלען.

נישט לאַנג נאָכדעם איז יאָסל פאַרשוואונדן און דאָס־מאָל זיך פאַרזאָמט לענגער ווי אַלעמאָל און מען האָט געמיינט, אַז מ׳האָט אים שוין ערגעץ געפּטרט, אָדער אַריינגע־זעצט אין תפיסה. אָבער פּלוצלונג האָט אים מיליטער גע־בּרענגט צו שלעפּן אַ געשמידטן אין קייטן און מ׳האָט אים פאַרשפאַרט אין זיין אייגן הויז, אונטער אַ שטרענגער שמירה. שטעטל האָט באַלד אויסגעפונען, אַז דער אַלטער האָט גע־

שטיצט די פּאָוסטאַנצעס מיט געלט און געווען אַ גאַנצער חשוב ביי זיי, ביז מ'האָט אים געפּאַקט.

פאָניע האָט פון דעם אַלטן געוואָלט דערגיין סודות, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רעדן, ווייל סיי־ווי, האָט ער פאַר־זיכערט, ווייס ער פון גאָרנישט צו זאָגן. נאָר איינמאָל, ווען מען איז זייער שטאַרק צוגעשטאַנען צו אים און אים גע־פּייניקט, האָט ער געזאָגט, אַז איינעם בלויז קאָן ער אויסגעבן, נאָך גאָר אַ יונגער בחור, אָבער זייער אַ געפערלעכער חברה־מאַן... דאָ האָט ער אָנגערופן יאַנקעלעס נאָמען.

פאָניע האָט באַפוילן קיין שצוצין, מ'זאָל פּאַקן דעם יאַנקעלע. און אַזוי איז טאַקע געווען. יאַנקעלע איז געבראַכט געוואָרן קיין סטאַוויסק אַ געשמידטער אין קייטן און יאָסל האָט אים אין פּנים אריין געזאָגט, אַז ער איז אַ „פּאָוסטאַניעץ" און אַז ער האָט שוין אָוועקגעלייגט עטלעכע פאָניעס.

בקצור,ביידע זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט — דער מלאך המות און זיין קרבן: יאָסל און יאַנקעלע. ס'איז זיך לייכט אויסצומאָלן, וואָס אין שטעטל האָט זיך אָפּגעטון. קינד און קייט האָט געוויינט אויף דעם גרויסן בראָך. אין אַלע שולן האָט מען תהלים געזאָגט און גאָט געבעטן ער זאָל באַווייזן אַ נס און ראַטעווען יאַנקעלען פון דער תּליה. און ווען עס איז געקומען די שעה, ווען מען האָט יאַנקעלען צו־זאַמען מיט יאָסלען געפירט צו דער תּליה, האָט זיך אויפגע־הויבן אַזאַ יללה, אַז עס האָט די הימלען געשפּאָלטן.

די תּליה איז געשטאַנען אויף אַן אָפן פּלאַץ און איידער דער תּליון האָט די שטריק פאַרציוגן, האָט אַן עלצטער געהאַלטן אַ מוסר־דרשה פאַרן עולם ער זאָל זען דעם סוף פון די, וואָס ווידערשפּעניקן דעם קייסער. דערנאָך האָט מען צום ערשטן אויפגעהאָנגען יאָסלען און דערנאָך יאַנקעלען. ווען

די שטריק איז שוין געווען אויף יאַנקעלעס האַלז פאַרצויגן האָט ער פּלוצלונג אַרויסגעזונגען... ונתנה־תּוקף.... און מען דערציילט, אַז דאָס קול איז געווען אַזוי מאָראַליש*), אַז אַפילו ביים תּליון האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. אויך דערציילט מען, אַז יאָסל, וועלכער איז שוין געווען באַלד טויט, האָט די אויגן געגעבן אַ מאַך אויף און אויפן זינגער אַ קוק געטון, דערנאָך די אויגן צוריק אויף אייביק צוגעמאַכט. יאַנקעלעס קול האָט זיך שנעל אָפּגעהאַקט און זיין איידעלער גוף איז פאַרגליווערט געוואָרן.

* *
*

עס ווערט געזאָגט, אַז אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָבן מענטשן, וואָס זענען ביינאַכט פאַרבייגעגאַנגען, אָדער פאַרביי־געפאָרן יענעם פּלאַץ, וואו די תּליה איז געשטאַנען, געהערט זינגען ונתנה־תּוקף.

---

*) „מאַראַליש" אויפן פוילישן ייִדיש מיינט שטאַרק טרויעריק, האַרצ־ייסנדיק.

# בנימינלע קרייער

אין סאָכאַטשעוו, וואַרשעווער גובערניע, פלעגט זיך אַרומ־
דרייען אַ פלינק יידל פון מיטעלן וואוקס, וועלכן אַלע
האָבן גערופן „בנימינלע קרייער". ווי זיין אמתער נאָמען
איז געווען האָט קיינער נישט געוואוסט, נאָר אַלע האָבן גע־
וואוסט פון אים צו דערציילן פעק מעשיות. אַזוי, למשל, האָט
מען דערציילט פון אים אַזאַ מעשה:

איינמאָל, אין דער פּאָווסטאַניע־צייט, גייט ער זיך אויפן
וועג, וואָס פירט פון סאָכאַטשעוו קיין בלוינע. האָט אים אָנגע־
טראָפן רוסיש מיליטער. אַז זיי האָבן דערזען אַ יונגנמאַן איי־
נעם אַליין אין וואַלד, שטעלן זיי אים אָפּ און גיבן אים אַ
פרעג:

— וואָס טוסטו דאָ? וואו גייסטו?

זאָגט ער זיי, אַז ער דאַרף קיין בלוינע. נאָר די סאָל־
דאַטן גלויבן אים נישט, אַז ער גייט זיך סתם אַזוי, ווייל
גראָד איז דאָרט געהאַט געווען אַ מחנה פּאָווסטאַנצעס, וואָס
האָט ביי די אַרומיקע פויערים גענומען פערד און עסנוואַרג
און די רוסן האָבן זיך איצט געיאָגט נאָך זיי.

בנימינלע האָט זיך געשוואוירן, אַז ער וויים פון גאָר־

ניסט. נאָר די רוסן האָבן אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן, ס׳איז זיי סתם געפעלן זיך צו רייצן מיט א ייד און זיי האָבן אים עזאָגט מיט הארבע ווערטער:

— זיי זיך מודה, אז דו ביסט א פּאָווסטאַניעץ, וועט מען דיר גאָרנישט טון, מ׳וועט דיך נאָר אַביסעלע אויפהענגען.

בנימינלע איז געוואָרן טויט און רויט און זיך ווידער געשוואוירן, אַז ער ווייס נישט פון קיין פּתרון און פון קיין חלום. „זאָל מיך, זאָגט ער, די ערד איינשלינגען לעבעדיקער־הייט, אויב איך בין א פּאָווסטאַניעץ!״

— וואָס דען ביסטו? — פרעגט אים איינער פון די פּאָניעס.

— א שניידער! — באַקט ער שנעל אָפּ א ליגנט.

— אַזוי... א שניידער... — זאָגט דערזעלבער פּאָניע, — זייער גוט. מאַכסטו מיר א פּאָר הויזן אין פינף מינוט, טאַקע אויפן אָרט, לאָזן מיר דיך אַרויס א לעבעדיקן פון אונזערע הענט.

בנימינקע טראַכט א ווײַלע. דערנאָך גיט ער א פּאַטש מיט די הענט און רופט אויס:

— געמאַכט אַן עסק!

די סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעשטעלט ארום אים צו זען וואָס ער וועט דאָ טון.

בנימין האָט גענומען דעם שטעקן, וואָס ער האָט גע־האַלטן אין האַנט און אויפן זאַמד פון שאָסיי אויסגעצייכנט א פּאָר הויזן מיטן גאַנצן קנאַק.

— זעט איר, — האָט ער מיט נצחון געזאָגט צו די סאָלדאַטן, — אָן א נאָדל און אָן סחורה האָב איך געמאַכט א פּאָר הויזן. איצט זאָל ווער ס׳וויל זיי אָנטאָן...

די פּאָניעס האָבן אָנגעקוואָלן פון דער חכמה און אים אָפּגעלאָזט.

* *
*

אין דער יוגנט איז ער געווען אַ הפקר־יונג, קיין שום באַשעפטיקונג נישט געהאַט. דערפאַר האָט ער געהאַט אַ פיין העלזל צום זינגען. האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט נאָך מחנות פּאָוסטאַנצעס און פאַר זיי געזונגען פּויליש־פּאַטריאָטישע לידער. דערפאַר האָבן זיי אים אויסגעהאַלטן און אים ליב געהאַט, כאָטש זיי פלעגן טיילמאָל פון אים אויסשטיין געברענטע צרות צוליב פאַרשיידענע שפּיצלעך, וואָס ער האָט ליב געהאַט אָפּצוטון.

איינמאָל איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער רוסישער פּאָליציי, טאַקע ביים רעכטן־גערעכטן, בעת ער האָט פאַרן עולם אין מיטן מארק געזונגען אַ פּויליש ליד. ער וואָלט אודאי פאַר אַזאַ מעשה באַצאָלט זייער טייער. איז עס דאָך אָבער „קרייער”, גיט ער זיך אַן עצה. פאַרן קריגס־גערייכט, וואו מען האָט אים געדאַרפט משפטן, האָט ער זיך צוזונגען אויפן קול — און דווקא א רוסיש פּאַטריאָטיש ליד. חוץ דעם האָט ער געמאַכט פאַרשיידענע ווילדע שטיק. האָט פאַניע געזען, אַז מ'האָט דאָ צוטון מיט אַ שטיק משוגענעם און מ'האָט אים ארויסגעלאָזט פריי.

אַז מ'האָט אים שפּעטער געפרעגט ווי עס קומט, וואָס ער האָט געזונגען אַ רוסיש ליד, האָט ער געענטפערט: „נאַראָנים! צוליב דעם איינעם רוסישן ליד וועל איך דאָך אימשטאַנד זיין צו זינגען הונדערטער פּויליש'ע”...

* *
*

באַזונדערס פאַרשפּרייט איז געווען וועגן אים אַ מעשה

ווי ער האָט מיט זיינס אַ שפּיצל געראַטעוועט אַ גאַנצע יידישע קהלה.

געשען איז דאָס אין פשיטעק, ראַדאָמער גובערניע, וואו בנימינלע קרייער, וועלכער פלעגט כסדר אַרומוואַנדערן, האָט זיך דאַמאָלט געפונען. ס׳איז געווען ערב יום-כפור פאַרנאַכט און די אימה פונם יום-הדין איז שוין געלעגן אויסגעגאָסן איבערן שטעטל און יידן און ווייבער האָבן זיך געאיילט אין שול אַריין.

גאָר מיט איינמאָל איז אין פשיטעק געוואָרן אַ בהלה, אַ טומל, אַ געשריי. ס׳איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז אַ גרויסע מחנה פאָווסטאַנצעס פון ראַדאָמער גובערניע האָט געליטן אַ שרעקלעכע מפּלה ערגעץ אויפן וואַרשעווער וועג און אַז די איבערגעבליבענע שלעפּן זיך צוריק און זיי האָבן זיך שוין באַוויזן הינטער פשיטעק.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי די געבליבענע פאָוו-סטאַנצעס זענען צוריקגעקומען און אַריין אין פשיטעק, וואו זיי האָבן באַלד געלאָזט צונויפרופן די יידן און צו זיי אַרויס מיט אַזעלכע דבורים:

—„אונזערע״ האָבן געליטן אַ מפּלה. מיר זענען געבליבן ווינציק. שווייגן טאָרן מיר נישט. שטייט-זשע צו אונז צו, וועלן מיר צוזאַמען שלאָגן דעם שונא!

די יידן איז פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. זיי האָבן די פאָווסטאַנצעס דערקלערט, אַז עס איז איצט ביי יידן דער הייליקסטער טאָג אין יאָר און זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי געבן צוויי טעג.

די פאָווסטאַנצעס זענען דערצאָרנט געוואָרן. זענען די יידישע ווייבער אַוועק מיט די קינדער אויף די הענט צום קסיאָנדז און געבעטן ער זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען. דער

קסיאַנדז אין גרויס צו די פּאָווסטאַנצעס און פאַר זיי געהאַלט־
אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט זיי געבעטן נישט צו שטערן
די הייליקע געפילן פון די יידן. די פּאָווסטאַנצעס, וועלכע זע־
נען געווען אויפגערעגט צוליב זייער מפּלה, האָבן אָבער נישט
קיין אַכט געלייגט אויף דעם קסיאָנדזס רייד און באַשולדיקט
די יידן אין אַלדאָס בייז.

נאָר דאָ זענען פּלוצלונג אָנגעריטן דריי רוסישע סאָל־
דאַטן און זיך אַ לאָז געטון צום עולם. די פּאָווסטאַנצעס האָבן
שוין געוואָלט שיסן, נאָר די דריי סאָלדאַטן האָבן אויפגעהויבן
די הענט — אַ סימן, אַז זיי גיבן זיך מיט גוטן אונטער. דערנאָך
האָבן זיי אַזוי געזאָגט צו די פּאָווסטאַנצעס:

—מיר זענען אין רוסישן מיליטער... נאָר מיר ווייסן, אַז
די פּאָליאַקן זענען גערעכט, זענען מיר דעריבער אַנטלאָפן...
עס זענען דאָ נאָך אַזעלכע ווי מיר.

די פּאָווסטאַנצעס האָבן זיך אַזוי דערפרייט מיט די אומ־
גערינכטע געסט און מיט דער בשורה, וואָס זיי האָבן געבראַכט,
אַז זיי האָבן פאַרגעסן זייער גאַנצן כעס און געוואָרן אויס־
געלייגט.

דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דריי סאָלדאַטן
זענען געווען „קרייער" און זיינע צוויי חברים, וועלכע האָבן
זיך אָנגעטון אין רוסישע קליידער, וואָס די פּאָווסטאַנצעס פלעגן
אָפט באַנוצן זיך צו פאַרשטעלן אַלס רוסן, כדי צו קענען
שפּאָנירן. און געטון האָט עס „קרייער", כדי צו ראַטעווען די
פשיטצקער יידן פון אַן איבערפאַל און אויך — ווי ער האָט
שפּעטער געזאָגט — ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די רוסישע
כוחות זענען אין יענער געגנט געווען אַ סך גרעסער און די
פּאָווסטאַנצעס וואָלטן נישט אַרויס קיין לעבעדיקע, ווען זיי גייען
זיך דאַן אַרויס פאַרמעסטן אין כחות.

„קרייער" האָט זיך אַליין מודה געווען פאַר די פּאָווי־
סטאַנצעס, אַז ער האָט זיי אָפּגענאַרט און זיי האָבן אים מוחל
געווען. דאַמאָלט טאַקע האָט ער זיך אָן זיי אָנגעשלאָסן און
פאַר זיי געזונגען פויליש־פּאַטריאָטישע לידער,

# דער פעטער זלאַטע

דער פוילישער אויפשטאַנד האָט דאָסמאָל געהאַלטן אין סאַמע פלאַקער און יעדן טאָג זענען צוגעקומען פרישע אלמנות און יתומים, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע מענער און טאַטעס אין דער „פּאָווסטאַניע". טייל האָט מען גאָרנישט געוואוסט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען, ווייל דער קאַמף איז איבערהויפּט פאָרגעקומען אין די וועלדער אַרום שטאָט.

צווישן די פרויען, וועלכע האָבן נישט געוואוסט וואו זייערע מענער זענען אַהינגעקומען, האָט זיך געפונען אַ געוויסע זלאַטע פון שימאַנאָווסקי גאַס. און די יונגע, שיינע זלאַטע, וואָס איז ערשט געווען אַ יאָר נאָך דער חתונה, איז שיער נישט משוגע געוואָרן פון קלערן, וואָס אזוינס מיט איר מאַן האָט געקענט טרעפן. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איר מאַן האָט אַ הייסע נאַטור, נאָר אַז ער איז צווישן די פּאָווסטאַנצעס האָט זיך איר נישט געגלויבט, ווייל פאַרן אַוועקגיין האָט ער איר געזאָגט, אַז ער פאָרט איינקויפן סחורה און וועט אין אַ צוויי-דריי טעג אַרום אַהיים קומען. עס זענען שוין אָבער אַריבער צוויי וואָכן און ער איז אַלץ נישטאָ.

זלאַטע איז שוין אויסגעווען ביי אַלע באַקאַנטע און זיך

[illegible]רעגט אויפֿן מאַן, נאָר קיינער האָט אים נישט געזען און קיינער ווייס נישט פֿון אים. האָט זי בײַ זיך אָפּגעמאַכט זיך אַליין צו לאָזן איבער די פֿעלדער און וועלדער און אים זוכן. אפֿשר... גאָט ווייס וואָס מיט אַ מענטש קאָן זיך אַלץ מאַכן?

זלאַטע האָט געפֿונען אַן עצה. זי האָט זיך פֿאַרקליידט ווי אַ מאַנסבּיל, אָנגעטון זיך אין די קליידער פֿון אַ וואַלד-היטער, וואָס האָט געוואוינט נישט ווייט פֿון איר; אַ טאָרבּע מיט עסנוואַרג זיך פֿאַרוואָרפֿן אויף דער פּלייצע, גע-נומען אַ שטעקן אין האַנט און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

איז זי געגאַנגען וואַלד-אויס, וואַלד-אײַן, טאָג און נאַכט. נישט איינמאָל האָט זי געזען דעם טויט פֿאַר די אויגן, נישט איינמאָל האָט זי צוגעזען די שרעקלעכסטע זאַכן, נאָר זי האָט זיך פֿאַר גאָרנישט אין דער וועלט נישט אָפּגעשטעלט. זי גייט דאָך עפּעס זוכן איר מאַן! האָט זי געפֿונען אויפֿן וועג אַ הרוג, האָט זי מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ זיך צו אים צוגעקוקט און אַז זײַן פּנים איז פֿרעמד געווען, איז זי ווײַטער אַוועק איר וועג. האָט זי באַגעגנט אַ מחנה פּאָווסטאַנצעס, האָט זי צווישן זיי איר מאַן געזוכט. האָט זי געטראָפֿן רוסיש מיליטער, האָט זי זיך אײַנגעקאָרטשעט ווי אַ קאַליקע, און אַז מען האָט גערעדט צו איר, האָט זי זיך געמאַכט שטום, האָבן יענע אויסגעשפּיגן און אַוועקגעגאַנגען.

אַזוי זענען פֿאַרלאָפֿן נאָך עטלעכע וואָכן און זלאַטע האָט נאָך אַלץ איר ציל נישט דערגרייכט. זי פֿילט, אַז די כּחות גייען איר אויס פֿון פֿיל אָנשטרענגונג. עפּעס אַ קליינ-קייט — שוין אַזוי לאַנג אין אַ בעט נישט געשלאָפֿן, אויסער וואָס זי כאַפּט אַ דרימל אויף אַ שטיין אין וואַלד. און קיין ברויט אין טאָרבּע איז שוין אויך נישטאָ. ערשט איז זי שוין

אויף דער צייט, אַ לײַדע טאָג ריכט זי זיך אַ מוטער צו װערן.

זלאַטע האָט אָבער נאָך אַלץ איר האָפנונג נישט פאַר־לוירן דעם מאַן צו געפינען, — אַ טויטן, צי אַ לעבעדיקן, אַזוי װעט זי נישט אַהיים גיין. צייטנווייז כאַפּן זי שוין אָן די װייען, נאָר זי מאַכט זיך נישט דערויס און שלעפּט װײַ־טער די מאַטע, אָפּגעשוואַכטע פיס.

איינמאָל האָבן זי אָבער די װייען שוין גאָר שטאַרק אָנגעכאַפּט און זי איז אומגעפאַלן אויף דר׳ערד און מיט יסורים זיך געדרייט אין אַלע זייטן. איז גראָד אָנגעקומען אַ מחנה פּאָוסטאַנצעס און זיי האָבן אויפגעהויבן די האַלב־טויטע זלאַטע און זי גענומען אויספרעגן װער זי איז און װאָס איר איז. אַז זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז זי איז אַ פרוי און אַז זי גייט צו קינד — האָבן זיי זי אַװעקגעטראָגן אין נאָענטסטן פּויערישן הייזל. דאָרט האָט זי טאַקע באַלד דאָס קינד געהאַט.

דאָס קינד, װעלכעס איז געבוירן געװאָרן שוואַך, איז אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן. זלאַטע איז גיך געזונט געװאָרן און זיך װידער געװאָלט אַװעקלאָזן זוכן איר מאַן. נאָר די פּויערטע, אין װעמעס הייזל זי האָט זיך אויפגעהאַלטן, האָט זי אָפּגערעדט דערפון, װאָרום לעבט איר מאַן, װעט ער אַליין צוריקקומען. איז ער חס־ושלום טויט, איז שוין סײַ־װײַ־סײַ לאַנג נישטאָ קיין זכר פון אים. נאָר אַז זלאַטע האָט פאָרט געװאָלט אויספירן דאָס איריקע, האָט די פּויערטע איר דערציילט, אַז נישט װייט װאוינט אַן אַלטע מכשפה, װעט זי איר קענען זאָגן װאָס מיט איר מאַן איז.

זלאַטע איז באַלד אַװעק צו דער כשוף־מאַכערין און פאַר איר אויסדערציילט איר גאַנץ שווער־ביטער האַרץ און זיך

דערביי באגאסן מיט הייסע טרערן. יענע האָט זי רואיק אויס־געהערט, דערנאָך האָט זי גענומען אַ פידעלע און אַזוי געזאָגט צו זלאַטען:

— דאָס פידעלע זאָלסטו אַרויסהענגען אין דרויסן פאַרן פענסטער און זאָלסט אָפּוואַרטן ביז האַלבער נאַכט. פּונקט 12 אַ זייגער ביינאַכט וועט עס אָנהויבן צו שפּילן, און פון דעם שפּילן וועסטו וויסן דיין מאַנס גורל: וועט עס שפּילן אַ פריי־לעכס — זאָלסטו וויסן, אַז דו דאַרפסט גאָרנישט צו זאָרגן. דיין מאַן לעבט און וועט צו דיר צוריקקומען; וועט עס אָבער שפּילן אַ טרויעריקס, איז אַ סימן, אַז דיין מאַן איז טויט און וועסט אים שוין קיינמאָל נישט זען פאַר דיינע אויגן".

זלאַטע האָט געפאָלגט, וואָס די מכשפה האָט זי געהייסן און מיט אַ שרעקנדיק האַרץ האָט זי געוואַרט אויף האַלבער נאַכט.

יעדע שעה האָט זיך פאַר זלאַטען געצויגן ווי אַן אייבי־קייט, נאָר פּונקט ווי דער זייגער האָט געשלאָגן 12, האָט זיך דערהערט אַ דינער ריטש, ווי עמיצער וואָלט אָנגעריררט מיט די פינגער די סטרונעס; דערנאָך האָט זיך דערהערט אַזאַ טרויערי־קע מעלאָדיע, וואָס האָט געקענט אַ שטיין רירן. זלאַטע האָט אַ קוויטש געטון און געפאַלן אין חלשות.

די פויערטע, וועלכע איז שוין געשמאַק געשלאָפן, האָט זיך אויפגעכאַפּט און זלאַטען געלייגט אין בעט אַריין. ווען ז' איז געזונט געוואָרן, האָט זי זיך אַ נדר געטון מער נישט חתונה צו האָבן. פון דאַמאָלט־אָן האָט מען זי גערופן „דער פעטער זלאַטע".

# ר׳ געצעלע דיין

ס׳איז געווען אין דער פּאָוסטאַניע־צייט, בעת אַ יאַריד־טאָג אין וואָליע. אויפן מאַרק זענען זיך צונויפגעפאָרן מאַסן פּויערים פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער. סוחרים און סוחרטעס האָבן אויסגעשטעלט זייערע סחורות און זייערע קולות האָבן געהילכט אין די אויערן.

די פּאַרקויפער זענען געווען שטאַרק אויפגעלעבט. זיי האָבן זיך פריילעך איבערגעשריגן איינער מיטן אַנדערן, גע־שפּאַסט און אָפט אויסגעבראָכן אַ לוסטיק געלעכטער. אין אייניקע זייטן פון מאַרק האָבן זיך צונויפגעקליבן קופּקעס מענטשן: זיי האָבן ערנסט גערעדט, געמאַכט מיט די הענט, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז ס׳זאָל עמיץ נישט אונטערהערן זייער שמועס און פון צייט־צו־צייט האָט איינער פון דער קופּקע זיך פאַרגעסן און פון גרויס פאַרטראָ־גענקייט אַרויסגערעדט העכער ווי געוויינטלעך אַ וואָרט: „פּאָוו־סטאַניע"...„זיך באַפרייען". א.אַז.וו. די איבריקע האָבן זיך דאַן דערשראָקן, פון אים אָפּגערוקט און פאַרבייסנדיק די ליפּן אים מיט אַ פינגער געוואָרנט:

Free Public Library Newark, NJ

— זיי פֿאַרזיכטיק, גוטער ברודער... ס'פֿעלן נישט קיין שפּיאָנען...

פֿלוצלונג איז אויפֿן מאַרק געוואָרן אַ שטאַרקער טומל: ס'האָט זיך באַוויזן ר' געצעלע דיין, וועלכער האָט געוואוינט אין וואָליע. די „כלאָפּצעס" האָבן אנגעהויבן חוזק מאַכן פֿון זיינע פּאות, פֿון זיין רבנישער קליידונג. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן און פֿון אים געמאַכט דאָס געלעכטער. ס'האָבן נישט געהאָלפֿן די פּראָטעסטן פֿון די יידן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויפֿן מאַרק אין אַ גרויסער צאָל, און פֿון אייניקע איידעלע קריסטן, וועלכע האָבן געבעטן דעם עולם זיך צו האַלטן ערנסטער, — און מ'האָט דעם דיין געריסן פֿון אַלע זייטן.

— בראַציע! — האָט אַ יונגער פּויער, וועלכער האָט זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ בויד, אויסגערופֿן, — לאָמיר מאַכן דעם זשידאָווסקן ראַבין פֿאַר אונזער אַנפּירער...

דער לוסטיקער עולם האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער און צופֿרידן געפּאַטשט מיט די הענט.

— הייסט עס, האָט דער פּויער ווייטער גערעדט, אַז איר זענט איינשטימיק מיט מיר. דער ראַבין ווערט אַלזאָ אונזער אַנפּירער.

— הוראַ, לעבן זאָל אונזער אַנפּירער, הוראַ! — האָט דער עולם געשריען.

אין דער לופֿט האָט זיך פֿלוצלונג באַוויזן אַ פּוילישע פֿאָן. מ'האָט זי מיט געוואַלט אַריינגעשטעקט דעם דיין אין האַנט אַריין און אים אויפֿגעהויבן אין דער לופֿטן איבער אַלעמענס קעפּ.

— הוראַ! — האָט ווידער די גאַנצע מאַסע געשריגן און אָנגעהויבן הויך צו זינגען „נאשא פּאָלסקאַ" א. ז. וו.

ט—ר—אַ—ך! — האָט פּלוצלונג אין לופט אַ קנאַל געטון און עס איז אָנגעלאָפן מיט אָנגעשטעלטע ביקסן רוסיש מיליטער. ס'איז געוואָרן אַ שרעקעלכע בהלה. אַלע האָבן זיך צונויפגע־וויקלט ווי איין קנויל פון שרעק, דערנאָך אָנגעהויבן צולויפן אין פאַרשיידענע זייטן, פיל זענען געפאַלן טויט פון די קוילן, וואָס האָבן זיי געטראָפן. די פויערים האָבן געלאָזט זייערע פערד און וועגן און די סוחרים זייערע בוידן מיט סחורות אויף הפקר — און אַנטלאָפן.

דעמזעלבן אָוונט זענען צום קסיאָנדז פון וואָליע אַריין אַ מחנה „בודניקעס" (פּאָליציאַנטן) און אים אַרעסטירט.

אַלס גלח האָט מען אים באַהאַנדלט בעסער ווי אַנדערע אַרעסטאַנטן. מען האָט אים אָפּגעגעבן אין טורמע אַ שיינעם, ריי־נעם צימער, וואו ער איז אָפּגעזעסן אייניקע טעג און דערנאָך האָט מען אים געשטעלט פאַר דער העכערער נאַ־טשאַלסטוואָ.

דער גלח האָט זיך געפילט ריין פון יעדן חטא און מיט אונגעדולד האָט ער געוואַרט צו הערן אין וואָס מען באַשולדיקט אים.

דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָליציע האָט זיך צו אים שטרענג געווענדט:

— איר, אַלס גלח, האָט געדאַרפט מוסרן דעם עולם און זען, אַז ער זאָל נישט אַראָפּגיין פון גלייכן וועג, צום סוף נעמט איר אליין און רייצט־אָן דעם המון און טראָגט פאַר אים די פאָן...

— וואָס? — האָט דער גלח דערשראָקן איבערגעשלאָגן די רייד. — איך האָב געטראָגן די פאָן?

— האַ! איר לייקנט נאָך? — איז דער נאַטשאַלניק בייז געוואָרן. — וואו זענען די עדות?

באַלד האָט מען פון דער צווייטער שטוב אַרייַנגערופן אַ פּריסטאַוו, עטלעכע „בודניקעס״, עטלעכע סאָלדאַטן און זיי האָבן געשוואוירן, אַז זיי האָבן אַליין געזען ווי דער עולם האָט געהאלטן דעם גלח אין דער הויך און ער האָט געטראָגן די פאָן.

דער גלח האָט געזען, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער, האָט ער איינגאַנצן געציטערט. ער האָט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן, נאָר ער האָט פּלוצלונג אַ געשריי געטון און איז געפאַלן אין חלשות.

דעם פאַרחלשטן האָט מען אָפּגעמינטערט, נאָר ער איז געווען זייער שוואַך און מען האָט די אויספאָרשונג אָפּגעלייגט אויף דריי טעג מיט דער האָפנונג, אַז מ׳וועט דאָך פון אים קאָנען דערגייין עפּעס סודות.

ס׳זענען שוין אַריבער צוויי טעג, דער גלח איז אַרומגעגאַנגען אין טורמע צוטראָגן. ער האָט יעדע האָפנונג פאַרלוירן צו ראַטעווען זיין לעבן און ער האָט פאַרצווייפלט געוואַרט אויפן טויט.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט ווי אין דרויסן שליסט מען די טיר. דער גלח האָט אויפגעציטערט. די טיר האָט זיך מיט רעש געעפנט און אין קאַמער איז אַריין אַ רב. דער גלח האָט אויף אים אויסגעגלאָצט די אויגן און אים דערשטוינט אָנגעקוקט.

— איר דערקענט מיך נישט? איך בין אויך פון וואָליע... געצל...

— וואָס זשע טוט איר דאָ?

— קוים זיך אויסגעפּועלט אַ זעאונג מיט אייך. איך האָב געזאָגט אַז אַלס גייסטלעכער פון אַן אַנדער אמונה וויל איך זיך מיט אייך געזעגענען פאַרן טויט.

— הערט-זשע... איך ווייס אין וואָס מ׳באַשולדיקט אייך...
איך ווייס אויך, אַז איר זענט אומשולדיק... מאָרגן איז דער
לעצטער טערמין און איר וועט זיכער פאַרמשפּט ווערן צום
טויט.. טאָ מאַכט עס געשווינד, גיט מיר אָנצוטון אייערע
גלחשע קליידער און טוט איר אָן מיינע רבנישע קליידער און
גייט אַהיים... איך וועל שוין וויסן וואָס צו רעדן...

דער גלח איז געווען אַזוי איבערראַשט, אַז ער האָט
נישט געקאָנט דאָס מויל עפענען און ער האָט גאָרנישט גע-
פילט ווי ער האָט זיך אויסגעטון און איבערגעטון אין געצע-
לע דינס קליידער.

אין פינף מינוט אַרום איז שוין דער גלח געווען אויף
דער פריי און דער דין, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון
גלח — איז געזעסן אין טורמע.

* * *

אויף מאָרגן האָט זיך „נאַטשאַלסטוואָ״ ווידער צונויפגע-
קליבן. דאָס מאָל איז אויך געקומען דער גובערנאַטאָר און די
טורמע-וועכטער האָבן געבראַכט דעם פּלומרשטן גלח.

— נו, זענט איר זיך מודה, אַז איר האָט געטראָגן די
פּאַן? — האָט דער גובערנאַטאָר אַליין זיך צו אים גע-
ווענדט.

— יאָ, האָט ר׳ געצעלע דרייסט אַרויסגערעדט.

— ווי-זשע האָט איר דאָס געוואַגט צו טון? איר אַ
גלח!...

— איך בין דערצו געצוואונגען געווען.

— געצוואונגען? ווער האָט אייך געצוואונגען?...

— די „כלאָפּצעס״, זיי האָבן מיך געסטראַשעט מיטן טויט..

— נו, האָט איר דען, נישט געוואוסט, אַז סיי־ווי וועט איר באַצאָלן מיטן לעבן אויב איר וועט טראָגן די פאָן?

— כ׳האָב געוואוסט... אָבער... איידער דערהרגעט צו ווערן דורך אַ פּראָסטן „כלאָפּ״, האָב איך בעסער געוואָלט דערהרגעט ווערן דורך דער מלוכה...

„נאַטשאַלסטוואָ״ האָט זיך איבערגעקוקט. דער ענטפער איז אַלעמען געפעלן און נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ פּסק־דין, אַז דער גלח איז אומשולדיק און ווערט צוריסגעלאָזט פריי.

# יונה דער פישער

בישט ווייט פון סוואלק, נאָנט פון טייך און פון פריצישן הויף, געפינט זיך אַ פאַרלאָזטע חורבה. אַמאָל איז דאָרט געווען אַ בראָנפן־ברייזל, נאָר אין דער צייט פון פוילישן אויפשטאַנד, אין 1863, האָבן די פּאָווסטאַנצעס דאָרט באַהאַלטן געווער.

אין יענער צייט איז דער טייך געווען אין ארענדע ביי אַן אַלטן ייד, וועלכער האָט ביי זיך געהאַלטן אַ בחור מיטן נאָמען יונה. מיט דעמדאָזיקן בחור פלעגט ער צוזאַמען פאַנגען פיש און דערפאַר האָט ער דעם בחור אויפגעהאַלטן אויף אַלעם גרייטן. א סברא איז, אַז טאַקע א דאַנק יונהן האָט דער פריץ איבערגעגעבן דעם אַלטן יידן די ארענדע, וואָרום א בחור איז דאָס געווען דער יונה—אָדער ווי מען האָט אים גערופן: יונהקע—וואָס זיין גלייכן איז נישט געווען אין דער גאַנצער געגנט: א הויכער, קרעפטיקער און שטענדיק לוסטיקער יונג—האָבן אַלע פאַר אים די כּבֿוד געהאַט. מיידן זענען ממש פאַר זיינע טריט אויסגעגאַנגען. און ערלעך איז ער געווען—די ערלעכקייט אליין; ערשט זיין חכמה!

אין פריצס הויף האָט מען זיך מיט יונהן געצאַצקעט. א גאַנצער מחותן איז ער דאָרט געווען, נאָר ער האָט זיך דערפון

יין ווען נישט געמאַכט און זיך געטון מיט ליבע זיין אַרבעט, די פיש-פּאַגגעריי, אונטערזינגענדיק זיינע פריילעכע לידער.

איינמאָל, ווען יונה איז אזוי מיט א שיפל אויפן טייך אַרומגעשוואומען, האָט ער פּלוצלונג דערהערט קולות פון א סך מענטשן, וואָס האָבן פון ברעג זיין נאָמען גערופן. ער האָט זיך באַלד צום ברעג פּאַרקירעוועט אויסצוהערן וואָס מען פאַר-לאַנגט פון אים.

— ברודער יונה, — האָט זיך איינער א רייכער פויער צו אים געווענדט, — אָט נאָר וואָס איז געקומען אונזערער אַ רייטער און אונז געלאָזט וויסן, אַז עס קומען-אָן אַהער רוסישע סאָלדאַ-טן. זיי וועלן זיכער פּאַרכאַפּן דאָס געווער פון דעם ברייזל. איז דעריבער ביי אונז געבליבן, אז איידער עס זאָל אריינפאַלן צו די רוסן אין די הענט, זאָלן מיר עס ליבערשט דערטרינ-קען אין טייך.

— נו, ווילט איר דאָך אודאי מיר דאָס איבערגעבן אויסצו-פירן? — האָט יונה אונטערגעכאַפּט.

און יונה האָט טאַקע געטראָפן. ער האָט מיט פאַרגעניגן זיך אונטערגענומען דאָס דורכצופירן.

דאָס שיפל איז באַלד אָנגעלאָדן געוואָרן פול מיט געווער און יונה האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו דער צווייטער זייט ברעג; אַזוי איז ער עטלעכע מאָל געשוואומען אַהין און צוריק. נאָר ווען ער איז געשוואומען מיטן לעצטן געווער, זענען די רוסן אָנגעקומען און צווישן עולם איז געוואָרן א שרעקלעכע מהומה.

די רוסן האָבן אפילו נישט באַמערקט יונהן. זיי זענען גלייך אַוועק צום ברייזל און דאָרט אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, נאָר גאָרנישט געפונען. מיט כּעס האָבן זיי זיך נאָכדעם אריינגעריסן אין די פויערישע הייזער און אין פּריצישן הויף און אז זיי האָבן דאָרט אויך

נאָרנישט געפונען, זענען זיי צוריק אַוועק פון וואַנען זיי זענען געקומען.

נאָר אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט אַ קליין פויעריש יינגל, האָבן זיי אים אָפגעשטעלט און גענומען שרייען אויף אים, אַז זיי וועלן אים כ׳ווייס-וואָס טון, אויב ער וועט זיי נישט זאָגן וואו מען האָט באַהאַלטן געווער. דאָס שייגעצל האָט זיך דערשראָקן און זיי דערציילט, אַז יונה דער פישער האָט דאָס געווער אין טייך פאַרטרונקען.

די רוסן האָבן באַלד צוריק פאַרקירעוועט די פערדלעך און זיך אויסגעשטעלט ביים טייך, וואו יונה איז זיך רואיק געזעסן אין זיין שיפל און זיך אונטערגעזונגען, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַ לידל.

די רוסן האָבן אים באַפוילן ער זאָל באַלד צושווימען צום ברעג. נאָר יונה האָט זיי געלאַכט אין פנים אַריין. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און, זיי אויסשטרעקנדיק זיין געזונטע ברוסט, האָט ער אויסגערופן:

— אַזוי? איר וואַרט טאַקע אויף מיר? נו, קיין לעבע־דיקן וועט איר מיך נישט קריגן.

ביי די ווערטער האָט ער אַ שפרונג געטון אין וואַסער אַריין.

— פייער! — האָט דער רוסישער אָפיציר אַ קאָמאַנדע־ווע געטון, — און די סאָלדאַטן האָבן אויסגעשאָסן. אַ געדיכ־טער רויך האָט פאַרהילט די לופט. און ווען דער רויך איז צו־רונען, האָט מען אויפן וואַסער בלויז געזען יונהס שיפל אַן איבערגעקערטס. פון יונהן אַליין איז קיין שפור נישט געווען.

די סאָלדאַטן זענען דאַן צופרידענע אַוועק און די גאַנ־צע אַרומיקע באַפעלקערונג האָט זיך באַלד דערוואוסט וואָס עס איז געשען. קינד און קייט האָט באַוויינט און באַקלאָגט דעם שיינעם העלדישן יונהן. מ׳האָט זיך געיוגלט אַוועקלאָזן זוכן

זיין קערפּער, נאָר אויף דער זייט בריג איז קיין איין שיפל נישט געווען, ווייל יונה האָט אַלע שיפלעך אויף דער אַנדע־רער זייט אַריבערגעפירט.

* * *

יעדע נאַכט איז אויף אַלע הייזלעך געלעגן אַ טיפע מרה־שחורה. אַלע האָבן געזיפצט און געיאָמערט אויף דעם שיינעם און געזונטן יונה, וואָס איז אַזוי יונג אומגעקומען דורך מער־דערישע הענט. עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. פּלוצ־לונג האָבן די הינט זיך צעבילט מיט אַ מוראדיק בילעריי. נאָר קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אַרויסצוגיין, ווייל אַ שרעק האָט אַלעמען אַרומגענומען.

מיטאַמאָל זענען די הינט פאַרשטילט געוואָרן. זיי האָבן דערקענט דעם מענטש, אויף וועמען זיי האָבן פריער געבילט. זיי האָבן אים אָנגעהויבן לעקן די פיס און ער האָט זיי פריינט־לעך געגלעט. דער מענטש איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פוילישע הייזלעך און אָנגעקלאַפּט אין לאָדן.

— ווער איז דאָרט? — האָט זיך פון אינווייניק געהערט אַ דערשראָקענע שטים.

— עפנט! אַן אייגענער! — האָט דער מענטש געענטפערט.

אינווייניק איז שטיל געוואָרן. נאָר באַלד האָט דיזעלבע צושראָקענע שטים ווידער אַ פרעג געגעבן:

— ווער איז דאָרט?

— איך... יונה... עפנט שנעל! — האָט ער אריינגעשריגן צום פויער.

דער פויער איז ווי צומישט געוואָרן פון שרעק און אַליין נישט געוואָלט עפענען. צום סוף האָט ער ציטערנדיק די טיר געעפנט און יונה איז אַריין.

דער פויער. וועלכער איז געווען איינער פון די פירער פון די פּאָוסטאַנצעס, האָט זיך איינגאַנצן געטרייסלט און זיינע אויגן נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז טאַקע יונה און נישט אַ נישט-גוטס.

יונה האָט אים באַרואיקט, אַז ער איז נאָך דערווייל לע-בעדיק און אים דערציילט, אַז ער האָט די רוסן גוט אַריינגע-נאַרט. ווען די רוסן האָבן אויסגעשאָסן, האָט ער פלינק זיך געגעבן אַ טוק-אונטער אין וואַסער און בעת דער רויך פון די קוילן האָט אויף אַן אויגנבליק איינגעהילט די לופט, האָט ער אויף זיך איבערגעקערט דאָס שיפל און אַזוי געלעגן אונטערן שיפל אין וואַסער און דערנאָך אונטערן וואַסער צוגעשוואומען צו דער צווייטער זייט ברעג, וואו ער האָט זיך באַהאַלטן צווישן די „קשאַקעס".

— און דאָס געווער מיינט איר האָב איך דערטרונקען? — האָט יונה לאַכנדיק געזאָגט, — אַ נעכטיקער טאָג! כ'האָב עס אויך באַהאַלטן אין די „קשאַקעס". ס'וועט צונויץ קומען.

ווי נאָר ס'האָט גענומען שפּראָצן אויף טאָג, האָט דער פּויער גענומען זיין זון און מיט אים צוריק אַריבערגעבראַנגט דאָס געווער.

* *
*

מ'קאָן זיך פאָרשטעלן די פרייד פון אַלע אַרומיקע איינ-וואוינער, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז יונה לעבט. מ'איז דעם גאַנצן טאָג צו אים געלאָפן ווי צו עפּעס אַ הייליקן און מ'האָט אים באַוואָרפן מיט פּרעזענטן. נאָר יונה האָט דאָרט לאַנג נישט געקענט בלייבן. די פּאָליאַקן און די פּאָר יידן האָבן צו-נויפגעמאַכט פאַר אים און אים אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד.

# גראָ געוואָרן

יענע טעג, ווען דידאָזיקע מעשה האָט געטראָפן, זענען געווען באַזונדערס שרעקלעכע פאַר די אייַנוואוינער פון דאָרף אָבאָטע, וואָס געפינט זיך לעבן ווארשע. מ'האָט אין יענעם געגנט אַנטדעקט אַ געווער־סקלאַד פון די פּאָווסטאַנצעס און מ'האָט דעריבער דאָס גאַנצע דאָרף אַרומגערינגלט מיט רוסיש מיליטער און פּאָליציי. מ'האָט כּסדר געמאַכט רעוויזיעס און אַרעסטירט האָט מען סיי די, אויף וועלכע ס'איז געפאַלן אַ חשד און סיי די, צו וועלכע מען האָט גאָרנישט געהאַט, נאָר די פּאָליציי האָט גערעכנט, אַז זי וועט קענען פון זיי עפּעס דערגיין.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן די שרעק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אָבאָטער אייַנוואוינער. אַנטלויפן האָט קיינער נישט געקענט דורך דער שטאַרקער וואַך. איז יעדער געלעגן באַהאַלטן בייַ זיך אין שטוב און געציטערט. און אַז גאַנץ אומשולדיקע מענטשן האָבן זיך אַזוי געשראָקן, איז זיך שוין לייכט פאָרצושטעלן וואָס עס האָבן איבערגעלעבט יענע, וואָס האָבן זיך געפילט עטוואָס שולדיק.

צו די לעצטע האָט אויך געהערט דער היטל־מאַכער

שלמה רויזעס, וועלכער האָט מיט אַ האַלב יאָר פריער חתונה געהאַט. די פּאָווסטאַנצעס האָבן אים געצוואונגען צו מאַכן פּויליישע מיליטערישע היטלען. זיצט זיך שלמה מיטן ווייב און טרייסלט מיט אַלע אברים פון שרעק. יעדע מינוט ריכט ער זיך אויף אַן איבערפאַל פון סאָלדאַטן. אַרויסגיין און באַהאַלטן ערגעץ די היטלען איז אוממעגלעך געווען, ווייל אין דרויסן האָט די שטורעמגיצ וואַך רעווידירט יעדעס פּעקל, וואָס עמיצער האָט געטראָגן. וואָס־זשע טוט מען? קיין עצה איז נישטאָ. און דאָס יונגע פּאָר זיצט און וואַרט אויף דאָס ערגסטע. שלמהס ווייב גיסט טרערן און שלמה זאָגט מיט אַ וויינענדיק קול תהלים. ביי יעדן קלאַפּ מיט אַ טיר ווערן זיי אויפגעשווידערט און יעדער שאָרך ווייזט זיך זיי אויס הונדערט מאָל שטאַרקער ווי געוויינטלעך.

און אָט זענען טאַקע אין שטוב אריין „בודניקעס" און סאָלדאַטן. שלמה מיטן ווייב זענען געבליבן ווי פאַרשטיינערטע, מורא געהאַט מיט אַן אבר צו רירן און אַזוי צוגעקוקט ווי מ'וואַרפט איבער אַלץ אין שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. און אָט האָט מען געפּאַקט די סחורה, די האַלבפאַרטיקע פּוילישע היטלען.

— אהאַ, מאָשקע? — האָט צופרידן דער „סטאַרשי־בודניק" אויסגערופן און אַלע האָבן מיט חוזק אונטערגעהאָלפן, — באַלד וועט מען דיך קאַטעווען און אָט אַזוי דאָס העלזעלע פאַרציען מיט אַ שטריק!

— וואָדקאַ! — האָט פּלוצלונג אויסגעשריגן אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט אין שאַפע געפונען אַ פלעשל שנאַפּס.

— נו, לאָמיר, ברידער, טרינקען! — האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט.

אין אַ רגע איז דאָס פלעשל געווען ליידיק.

— איצט, מיינע טייערע, קומט מיט אונז אביסל שפאַ־צירן! — האָט דער „סטאַרשי־בודניק" מיט אַ געלעכטער געזאָגט צו שלמהן מיטן ווייב.

— אַך, וואָס פאַר אַ שיינע יידישקע, אַ קראַסאַוויצע! — האָבן אַלע אַנטציקט גערעדט וועגן איר, — וואָס פאַראַ האָר! וואָס פאַראַ אויגן! אַ שאָד זי אומצוברענגען!

— יאָ, אודאי אַ שאָד! — האָבן אַלע מסכים געווען און נישט געקענט פון איר די אויגן אָפּרייסן.

— אפשר זי לאָזן און זיך באַנוגענען מיט איר מאַן? — האָט אַן אָפיציר געפרעגט אַ פראַגע.

— אַ פּלאַן! וואָס איז זי דען שולדיק, אַז איר מאַן איז אַ בונטאָווששיק?

— אַלזאָ, לאָזן מיר דאָס שיינע טייבעלע אין שטוב! נאָר... ס'דאַרף זיין שאַ־שטיל...

— אַדיע, טייבעלע! — האָט זיך דער „סטאַרשי־בודניק" געזעגנט מיט שלמהס ווייב, רבקהלע, — מאָרגן וועלן מיר זיך ווידער זען.

— ניין! — איז רבקהלע אויפגעשפרונגען, — נעמט מיך אויך מיט גלייך מיט מיין מאַן, צוזאַמען מיט אים וויל איך שטאַרבן!

— ס'לוינט נישט, טייבעלע, אַ שאָד אַזאַ שיינע יידיש־קע! — האָט דער „סטאַרשי בודניק" געלאַכט, — און נישט קוקנדיק אויף אירע פּראָטעסטן האָט ער שלמהן געהייסן אַרויס־פירן און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר, לאָזנדיק רבקהלען אליין.

שלמהן האָט מען אָפּגעפירט אין טורמע, וואו מען האָט אים פאַרשפאַרט אין אַ קאַמער צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן.

אויף מאָרגן איז שלמה דורכן פעלד־געריכט פאַרמשפּט

געוואָרן צום טיש און דעמזעלבן טאָג איז ער מיט אַנדערע געהאַנגען געוואָרן.

* * *

שפּעט ביינאַכט האָבן דער „סטאַרשי בודניק" און דער אָפּי־ציר פאַרלאָזט זייערע פּאָסטנס און צוזאַמען אַוועק צו שלמהס הייזל.

— אַך, ווי שיין זי איז! — האָבןביידע גערעדט אויפן וועג, — וואָס פאַרא טיפע, דורכדרינגענדיקע אויגן!

באַלד זענען ביידע געשטאַנען פאַרן הייזל, וואו פון דרויסן איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט. דער אָפּיציר האָט אָנגעקלאַפּט, נאָר אינווייניק איז געווען טויט־שטיל און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. ער האָט נאָך איינמאָל אָנגעקלאַפּט, נאָר ס'איז ווייטער געווען שטיל.

— לאָמיר אויפרייסן די טיר! — האָט דער „סטאַרשי בודניק" געזאָגט און זיינע רייד טאַקע באַלד מקיים געווען.

זיי זענען אריין אין שטוב. ס'איז געווען שטיל און גע־דיכט פינסטער. דער אָפּיציר האָט ווי עס איז געמאַכט ליכטיק.

— אָט, דאַכט זיך, אַז דאָרט זיצט ווער!

אויפן שטול, צוגעלענט מיטן פּנים אויפן טיש איז ווירק־לעך געזעסן אַ פרויען־פיגור.

— ווער קען דאָס זיין? עפּעס אַן אַלטע! — האָט דער „בודניק" זיך געוווּנדערט.

— און וואו איז זי? — האָט דער אָפּיציר געזוכט מיט די אויגן איבערן שטיבל.

ביידע זענען צוגעגאַנגען נענטער.

— אַך, מיין גאָט! — איז דער אָפּיציר אָפּגעשפּרונ־גען, — ס'איז דאָך זי! זי איז גראָ געוואָרן — פון שרעק!

ווער האָט נישט געהערט דערציילן פון דער שיינער רבקהלען, וועלכע איז צו 20 יאָר גראָ געוואָרן. צען יאָר צייט האָט זי דערנאָך אַרומגעבלאָנדזשעט איבער אָכאָטע און איבער די וואַרשעווער גאַסן. מיט קיינעם האָט זי קיין וואָרט נישט אויס־גערעדט, נאָר צוגענומען שטיל דאָס עסן, וואָס מענטשן האָבן איר פון רחמנות געגעבן. פּלוצלונג איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו זי איז אַהינגעקומען.

# די פֿאַרשאָלטענע שטוב

ביז מיט עטלעכע און פֿערציק יאָר צוריק איז אויף מוראַנאָוו געשטאַנען אַ גרויס הויז, וועלכעס האָט געהערט צו איינעם קאַרטאָווסקי און דערפֿאַר האָט מען עס נישט אַנדערש גערופֿן ווי „קאַרטאָווסקיס הויז”. אין דעמדאָזיקן הויז, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט פֿון פֿאַר דער „פּאָווסטאַניע”, האָבן שטענדיק געוואוינט בלויז בעטלערס, וועלכע פֿלעגן זיך יעדן פֿרימאָרגן אַרויסלאָזן איבערן שטאָט מיט זייערע ווייבער און קינדער און בעטן נדבות.

אין דער פּאָווסטאַניע־צייט האָט זיך אין אָט־דעם הויז אַריינגעצויגן אַ גרויסע פֿאַמיליע, וועלכע האָט פֿאַרנומען עטלעכע צימערן, ווי דאָס פּאַסט גאָרנישט פֿאַר אָרימע לייט. די מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע האָבן זיך געהאַלטן ווייט פֿון זייערע בעטלער־שכנים, מיט קיינעם פֿון זיי נישט פֿאַרפֿירט קיין באַקאַנטשאַפֿט און בכלל זיך אויפֿגעפֿירט זייער געהיימניספֿול. צווישן די בעטלער, וועלכע האָבן גוט געקענט איינער דעם אַנדערן, האָט די אומבאַקאַנטע מערקווירדיקע פֿאַמיליע אַרויסגערופֿן אַן איבעראַשונג. זיי האָבן אויסגעקלערט אַלערליי מעשיות וועגן זיי

און איינע איז געווען מוראדיקער פון דער צווייטער: טייל האָבן דערציילט, אַז דאָס זענען פאַלשע געלט־מאַכערס, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס זענען „געפאַלענע", דאָס הייסט גבירים, וואָס זענען פאַראָרימט געוואָרן, געמאַכט באַנקראָט און באַהאַלטן זיך ספּעציעל אין קאַרטאָווסקיס הויז. אין דער „אמתן" איז דאָס טאַקי געווען אַ באַוואוסטע רייכע פאַמיליע, מעלזאָן, *) אָבער נישט קיין געפאַלענע.

זי האָט זיך טאַקע אריינגעצויגן אין קאַרטאָווסקיס הויז, כדי זיך צו באַהאַלטן, אָבער נישט צוליב באַנקראָט, נאָר צוליב גאָר עפּעס אַנדערש. די אַריסטאָקראַטיש־יידישע פאַמיליע מעלזאָן האָט זיך פאַרנומען מיט צופּן שאַרפּין, מיט וועלכע מען פלעגט באַנדאַזשירן די רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער פּאָוסטאַניע און צוליב דעם האָט זי זיך אַרויסגעצויגן פון דער רייכער גאַס, וואו זי האָט פריער געוואוינט, אויף מוראַנאָוו, אין קאַרטאָווסקיס הויז, ווייל אַ הויז, וואו עס וואוינען בעטלער, וועט די פּאָליציי נישט חושד זיין אין קיין שלעכטס...

מיט צופּן „שאַרפּין" האָבן זיך פאַרנומען מעלזאָנס פרוי און זיינע צוויי טעכטער. זיי זענען געווען אַזוי אריינגעטון אין דער אַרבעט, מיט אַזאַ איבערגעבענהייט צו דער זאַך, אַז זיי פלעגן פאַרגעסן אָן עסן און אָן שלאָפן. ווען עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ סך שאַרפּין, האָט עס איינע פון די צוויי שוועסטער אוועקגעטראָגן אין לאַגער פון די „פּאָוסטאַנצעס" און אָפטמאָל פלעגט דער פאָטער מיט איר מיטשיקן אַ היפּשע מטבע. אַממייסטנס פלעגט אָפּטראָגן דעם „שאַרפּין" די יונגערע טאָכטער רחל'ע,

---

*) מיין באָבע האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז נישט זיכער, אויב דער נאָמען איז געווען מעלזאָן. נאָר אַזוי דאַכט זיך איר. א. א.

װעלכע איז געװען זײער געשעצט בײ די פּאָוסטאַנצעס און אײנער פֿון זײ, אַ פּױלישן דאָקטאָרס אַ זון, לודװיק, האָט זיך אין איר שטערבלעך פֿאַרליבט. רחלע האָט געװאוסט פֿון זײַן ליבע צו איר, און זי האָט אים אױך ניט װײניקער ליב געהאַט. זי האָט אָבער אױסערלעך זיך באַצױגן צו אים קאַלט. זי האָט געװאוסט, אַז כאָטש אירע עלטערן זענען אױפגעצױגן פּױליש, זענען זײ געװען ייִדישלעך און װעלן קײנמאָל ניט מסכּים זײַן, אַז זי זאָל זיך פֿאַרבינדן מיט אַ קריסט.

פּלוצלונג האָט מען לודװיקן אַרעסטירט. ער איז פֿאַרמשפּט געװאָרן צום טױט. עס איז אים אָבער געלונגען זיך אױסצודרײען און ער איז אַנטלאָפֿן קײן קראָקע. פֿון דאָרט האָט ער רחלען אָנגעהױבן צו באַװאַרפֿן מיט בריװ, אין װעלכע ער האָט איר געשריבן װי שטאַרק ער ליבט זי און כּסדר געבעטן זי זאָל צו אים קומען. רחלע איז צו אים געפֿאָרן, צוזאָגנדיק די עלטערן אינגיכן צוריקצוקומען. זי האָט אָבער איר װאָרט ניט געהאַלטן, כּמעט װי פֿאַרגעסן אין די עלטערן, צו זײ װײניק געשריבן, זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט לודװיקן. װען די עלטערן זענען דערפֿון געװאָר געװאָרן, זענען זײ שרעקלעך פֿאַרצװײפֿלט געװאָרן. דער פֿאָטער איז באַלד געפֿאָרן קײן קראָקע און געװאָרנט װירקן אױף זײַן טאָכטער, אַז זי זאָל צוריקקומען קײן װאַרשע. נאָר רחלע האָט פֿון גאָרניט געװאָלט הערן, זי האָט בשום אופֿן ניט געװאָלט אײַנגײן דערױף זיך צו שײדן מיט לודװיקן. דער פֿאָטער איז צוריקגעפֿאָרן קײן װאַרשע. אָבער כאָטש צרות האָבן זײ געפּלאָגט, האָט די פֿאַמיליע מעלזאָן, אין גרעסטן צער פֿון זײער טאָכטער, ניט אױפגעהערט צו צופֿן „שאַרפּין” און דאָס צושטעלן די „פּאָוסטאַנצעס”.

אײנמאָל, װען די מוטער מיט דער עלטערער טאָכטער

זענען געזעסן פאַרטיפט אין זייער טרויער און געצופּט די ליוונט, האָט זיך די טיר אויפגעהאַקט מיט שטורם און אין שטוב זענען אַריין אַ מחנה „בודניקעס״, צו מאַכן אַ רעוויזיע און, פאַרשטייט זיך, אַלץ אַנדטדעקט. זיי האָט געבונדן די גאַנצע פאַמיליע און איבערגעפירט אין טורמע, וואו מ׳האָט זיי אין עטלעכע טעג אַרום אויפגעהאַנגען.

ווען רחלע האָט אין קראָקע דערהאַלטן די שרעקלעכע בשורה, האָט זי אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר און באַלד געפאָרן קיין וואַרשע. דאָ האָט זי באַגעגנט אירע אַמאָליקע באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערן און זיי, מורא האָבנדיק, מ׳זאָל זי אויך נישט אַרעסטירן, האָבן זי נישט געלאָזט גיין אין קאַרטאָוו-סקיס הויז אַריין און זי אָפּגעפירט אין אַ געהיימער וואוינונג אויף שוויענטאָיאַנסקע גאַס. די פּאָליציי האָט זיך אָבער אויך דערוואוסט פון דער געהיימער וואוינונג און געקומען אַרעסטירן רחלען מיט אַנדערע „פּאָוסטאַנצעס״, וואָס האָבן זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן. ווען די פּאָליציי איז אַהין אָנגעקומען, איז גראָד רחלע דאָרט געווען אַליין און ווען זי האָט דערזען די „בודני-קעס״ דורכן פענסטער, האָט זי פעסט פאַרמאַכט די טיר און באַשלאָסן זיך נישט איבערצוגעבן אַ לעבעדיקע און זי האָט איר באַשלוס דורכגעפירט: ווען די פּאָליציי האָט געקלאַפּט אין טיר, האָט זי זיך דערווייל אויפגעהאַנגען און ווען די „בוד-ניקעס״ האָבן די טיר אויפגעבראָכן, איז זי שוין געווען טויט.

לויט דערציילן, אַז דריי טעג נאָך איר טויט, האָט אין וואַרשע און אומגעגנט געבושעוועט אַ שרעקלעכער שטורם, וואָס האָט אָפּגעריסן דעכער און אָנגעמאַכט גרויסע חורבנות... דורך דער גאַנצער צייט האָט זיך פון דער וואוינונג, וואו רחלע האָט זיך אויפגעהאַנגען, געשיט שטיינער פון

פענסטער, וועלכע האָבן אַ סך מענטשן די קעפ געשפּאָלטן און די וואוינונג האָט מען אָנגעהויבן רופן „די פאַרשאָלטענע שטוב״... וואו מ׳האָט מורא געהאַט זיך אַריינצוציען עטלעכע יאָר כסדר...

# די דריי ברידער

אויף קראָכמאַלנע גאַס, וואו עס שטייט היינט דאָס הויז נומער 10, האָט זיך אין דער צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד אָפּגעשפּילט אַ שרעקלעכע טראַגעדיע: עס האָט דאָרט געוואוינט אַ געפאַלענער יידישער סוחר פון גאַליציען מיטן נאָמען שמואל=זיינוול, וועלכער האָט געהאַט דריי זין, אַלע פיין דערצויגענע און געבילדעטע. ווען שמואל=זיינוול האָט זיך פון גאַליציען אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע, איז ער געווען רייך און געפירט גרויסע געשעפטן. צוערשט האָט ער געוואוינט אויף פרעטע גאַס, וואו ער האָט אָפּגעקויפט עטלעכע הייזער. דאָרט האָבן זיך די זין באַקענט מיט שלעכטע חברים, וועלכע האָבן זיי אַראָפּגעפירט פון וועג און דער פאָטער איז געצוואונגען געווען זיך אַריבערצוציען אויף קראָכמאַלנע גאַס. ס'איז שוין אָבער געווען פאַרפאַלן. די זין האָבן זיך בשתיקה צונויפגעטראָפן מיט זייערע חברים און אָנגעהויבן פירן אַן אויסגעלאסן לעבן. עס האָבן נישט געהאָלפן די טרערן פון טאַטע=מאַמע. די זין האָבן זיך אויסגעלאַכט פון זייערע תחנונים און געטון וואָס זיי האָבן געוואָלט. ביסלעכווייז האָבן זיי געפּטרט דעם פּאָטערס פאַרמעגן און זיי האָבן אַזוי ווייט געבראַכט, אַז

שמואל-זיינוול האָט געמוזט פאַרקויפן זיין הייזער אין דאָס האָט אים שוין אינגאַנצן רואינירט.

דאָס לעצטע קאַפּיטאַל איז גיך צושלאָגן געוואָרן, און די זין זענען געבליבן אויף זייער דרך ווי געוועזן. א שטיקל צייט נאָר האָבן זיי זיך אויפגעפירט פיין און מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי וועלן שוין בעסער ווערן, — דאָס איז געווען דאַן, ווען זייער מוטער איז געשטאָרבן — זענען אַריבער עט-לעכע חדשים און די זין האָבן שוין זיך פאַרגעסן און ווידער אָנגעהויבן פירן זייער אויסגעלאַסן לעבן. דער פאָטער איז גראָ און אַלט געוואָרן פאַר דער צייט, נעכט איז ער נישט געשלאָפן, טעג נישט געגעסן און געהאַלטן אין איין תפילה טון צום אויבערשטן ער זאָל אַריינקוקן אין זיין פאַרביטערט האַרץ און אויף אים רחמנות האָבן. פּלוצלונג זענען אַלע דריי זין אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן און שמואל-זיינוול האָט נישט געוואוסט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד האָט ער זיי ארומגעזוכט, זיך נאָכגעפרעגט אויף זיינע קינדער וואו נאָר אַן אָרט, אָבער אומזיסט — ווי אין וואסער אַריין...

איינמאָל, ווען שמואל-זיינוול איז אין אַ פאַרנאַכט געזעסן ביים טיש געבויגן איבער אַ ספר מיט רויט-אויסגעוויינטע אויגן, האָט זיך די טיר געעפנט און איין זון, דער יינגסטער — חיים, איז אַריינגעקומען.

— פאָטער! — האָט ער אויסגעשריגן — כ'בין דיר גע-קומען אָנזאָגן אַ בשורה... מיר האָבן זיך ענדלעך איבערצייגט, אַז דו ביזט גערעכט, מיר האָבן ביז איצט שלעכט געטון... מיר זענען געווען אויסגעלאַסן... געפירט אַ פאַרשווענדעריש לעבן און אומזיסט דיין קאַפּיטאַל אויסגעבערעגגט... יאָ שלעכט, זייער שלעכט האָבן מיר געהאַנדלט... איצט האָבן מיר אויסגעקליבן אַ גוטן וועג... יאָ, עס דאַרף דיך פרייען...

— חימל, הארציקער זון מיינער! — איז דער פאָטער אַרויפגעפאַלן אויפן זון און אים דריקנדיק אין זיינע אָרעמס באַדעקט מיט הייסע קושן — כ'האָב געוואוסט, — האָט ער מיט שטראַלנדיקע אויגן געשעפטשעט, — כ'האָב געוואוסט, אַז איר וועט סוף־כּל־סוף זיך באַרעכענען און זיך אומקערן אויפן דרך הישר... אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם, פאַר דיין גרויס חסד!...

— הער־זשע מיך אויס אינגאַנצן, פאָטער — האָט חיים ווייטער גערעדט — איך האָף, אַז איצט וועסטו מיר שוין נישט מאַכן מער קיין שטערונגען... אין וואָס?... הער, דו ביזט דאָך געבוירן אין פּוילן... אין לאַנד הויבט זיך אָן אַן אויפשטאַנד... מיר ווילן זיך באַפרייען...

— וואָס רעדסטו, זון מיינער! — האָט דער אַלטער אויפּגעציטערט — מיר טאָרן זיך נישט מישן אין אַזעלכע זאַכן... מיר האָבן אַזוי אויך גענוג אויסצושטיין...

— אָבער, טאַטע...

— אָבער, זון מיינער, וואָס...

לאַנג, לאַנג האָבן פאָטער און זון איינגעטענהט ביז דער לעצטער איז אין כּעס געוואָרן און פון שטוב אַרויסגע־לאָפן.

אין אַ קורצער צייט אַרום, ווען פּוילן איז שוין געווען אַרומגעכאַפּט פון דער פּאָווסטאַניע, האָט זיך אויף די וואַרשע־ווער גאַסן באַוויזן אַ משוגענער; ער איז אַרומגעלאָפן מיט ווילדע קולות איבער אַלע וואַרשעווער גאַסן און איבער די פאָרשטעט. וואו נאָר אַ ווינקעלע איז ער אויסגעווען און מ'האָט געהאַט פון אים צו זינגען און צו זאָגן. ער איז גע־וואָרן געפּערלעך פאַר די רעוואָלוציאָנערן... מ'האָט זיך נישט געקענט פון אים אויסהיטן... האָט ער עפּעס באַמערקט, איז ער געלאָפן דער פּאָליציי איבערגעבן... די פּאָווסטאַנצעס

האָבן, באַשלאָסן, אַז מ׳דאַרף דעם משוגענעם אָפּרוימען פון וועג און זייער באַשלוס האָבן זיי טאַקע באַלד אויסגעפירט איינמאָל אין אַ פינסטערער נאַכט האָבן זיי אים געכאַפּט אין אַ הינטער־געסל און אים דערהרגעט. דעם קערפּער האָט מען באַגראָבן אין אַ גרויב נישט ווייט פון אַ ברונעם און דאָרט פאַרשיט און איבערגעדעקט מיט אַ שטיין.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פון בלוינע אָנגעקומען אַ מחנה פּאָוסטאַנצעס, וועלכע זענען פריער אַרויס פון וואַרשע צו הילף די רעוואָלוציאָנערן פון בלוינע און די אַרומיגע דערפער. צווישן זיי זענען אויך געווען שמואל־זיינוולס דריי זין. זיי האָבן דאָ געהערט דערציילן די מעשה מיטן משוגענעם, נאָר זיי האָבן זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון און דאָס גלייכגילטיק אויסגעהערט. איינמאָל איז זיי ביינאַכט אויסגעקומען פאַרבייצוגיין דעם ברונעם, לעבן וועלכן דער משוגענער איז געלעגן באַגראָבן. חיים האָט פּלוצלונג דערפילט אַ מידקייט אין אַלע אברים און ער האָט זיך געזעצט אויפן שטיין אָפּרוען. די איבריקע חברים און די צוויי ברידער האָבן זיך אַנידערגעשטעלט אַרום אים און געוואַרט. נאָר פּלוצלונג זענען אַלע מיט שרעק אָפּגעשפּרונגען פון זייערע ערטער: פון אונטער דעם שטיין האָט זיך דערהערט אַ יאָמערלעך קול פון זייער פאָטער:

— חיים, ראובן, הירשל... פאַרפירטע זין מיינע...

דינעלבע נאַכט זענען די דריי ברידער ערגעץ נעלם געוואָרן און אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי די פישער געפונען דערטרונקען אין ווייסל...

# דאָס משוגענע פּאָר־פּאָלק

מיט אַ 25 יאָר צוריק האָט מען אין אַ קעלער־שטוב אויף קראָכמאַלנע גאַס געפונען טויט אַן אַלט פּאָר־פּאָלק. ער — 84 יאָר אַלט און זי — 82 יאָר אַלט, ביי ביידע זענען אין איין נאַכט די נשמות אויסגעגאַנגען און ביידע האָט מען אין איין טאָג צו קבורה געבראַכט. דאָסדאָזיקע פּאָר־פּאָלק האָט פון דער פּאָווסטאַניע אָן געליטן פון מרה שחורה און אין וואַר־שעווער אָרימען קוואַרטאַל זענען זיי געווען באַקאַנט אַלס דאָס „משוגענע פּאָר־פּאָלק". טאָג און נאַכט האָבן זיי זיך אַרום־געשלעפּט אין די הינטער־געסלעך און אויף אַלע מאַרקן — אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. האָט געמעגט זיין אַ שניי, אַ רעגן אָדער אַ פראָסט; וואָס רחמנותדיקע מענטשן האָבן די צוויי אומגליקלעכע נפשות נישט צוגעוואָרפן, האָבן זיי נישט געהאַט. אויף דער גאַס האָבן קונדייסים זיי קיין שטיינער און בלאָטע נישט נאָכגעוואָרפן ווי זיי טוען דאָס צו אַנדערע משוגעים, און האָט יאָ אַמאָל אַ קונדאַס זיי געוואָלט אַ שטיינדל וואַרפן, האָט ער באַלד געקריגן פון וועלכן עס איז דורכגייער די הענט איבערגעפּאַטשט:

— דו לאָבוז איינער, אויף וועמען הויבסטו אויף אַ

שטיין... דו ווייסט װער זיי זענען ?...

— און באמת אין דאָס משוגענע פאַר־פאָלק אַמאָל גע־שטאַנען אויף א הויכער מדרגה, געהאַט אַ גרויס פאַרמעגן און עטלעכע שטיין־הייזער. ער, ר׳ בערעלע, איז ארויסגעקומען פון גרויסן יחוס און אויך זי, צירעלע, האָט געשטאַמט פון אַ רייכער תשובער משפחה. געהאַט האָבן זיי צוויי טעכטער, שרהלע און חנהלע, וועלכע האָבן געקריגן אַ גוטע דערציאונג. שיין זענען זיי געווען, האָבן זיך גאָט און לייט מיט זיי געבענטשט און מאַמעס האָבן זיך געוואונטשן צו האָבן אַזעלכע געראָטענע קינ־דער. דאָס הויז איז געפירט געוואָרן אויף דעם יידיש־אַריסטאָ־קראַטישן שטייגער און ס׳איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען אַ סך צדקה. די וואַרשעווער קבצנים האָבן שוין גוט געקענט דאָס הויז און האָבן געוואוסט, אַז ווער עס גייט אַהין אַריין אַ הונ־געריקער, קומט אַרויס אַ זאַטער.

אַזוי איז עס געגאַנגען ביז דעם יאָר 1861, אַ יאָר פרי־ער איידער אין פוילן האָט אויסגעבראָכן די „פּאָווסטאַניע״ און פון דאַן אָן האָט אויף דער משפחה אָנגעפאַנגען קומען איין אומגליק נאָכן צווייטן. אין דער עלטערער טאָכטער, שרהלע, וועלכע איז דאַן אַלט געווען צוואַנציק יאָר, האָט זיך פאַרליבט דער אַדמיניסטראַטאָר איבער איר פאָטערס הייזער, ראובן לי־ווערס, א יונגערמאַן פון 24 יאָר. אין אָנפאַנג האָט איר פאָ־טער נישט געוואָלט דערלאָזן צו דעם שדוך, נאָר זעענדיק, אַז די טאָכטער איז אין אים אויך שטאַרק פאַרליבט, האָט ער נאָכגעלאָזט און זיך מסכים געווען און מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז פאָרגעקומען זייער תנאים. מ׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן צו דער חתונה, האָט זיך דערווייל געמאַכט, אַז דער מחותן, ר׳ בערעלע, איז קראַנק געוואָרן און די חתונה איז אָפּגעלייגט גע־וואָרן אויף אַן אומבאַשטימטע צייט.

דאָ האָט זיך אָנגערוקט דאָס יאָר 1862. אין פוילן האָט אויסגעבראָכן די פּאָווסטאַניע און ראובן ליווּרעס איז צוגעשטאַנען צו די „פּאָווסטאַנצעס". פריִער האָט ער גענומען אַ שבועה ביי זיין כּלה, וועלכע האָט אויך סימפּאַטיזירט מיט דעם בונט, אַז זי זאָל וואַרטן ביז ער וועט צוריקקומען. ליווּרעס איז אַוועק מיט אַ מחנה רעוואָלוציאָנערן קיין סאָכאַטשעוו און נאָך דעם ווי ער האָט זיך דאָרטן אָפּגעוואַלגערט עטלעכע טעג אין די וועלדער, האָט מען אים אַרעסטירט און לויטן אורטייל פון פעלדגעריכט, אויפגעהאנגען. די כּלה האָט נישט געוואוסט וואָס איז געשען. פאַרוואָס זי באַקומט נישט פון איר חתן קיין ידיעה, און דאָ האָבן זי די עלטערן געמוטשעט זי זאָל צעריסן די תּנאים מיט ראובנען און טון אַן אַנדערן שדוך, איז זי געשטאַנען פאַר אַ שווערן נסיון. אַזוי זענען אַריבער נאָך עטלעכע וואָכן. די עלטערן זענען פון זאָרג פאַר זייער טאָכטער ארומגעגאַנגען ווי משוגע און זיך אָפּגעלאָזט פון אַלץ און אַלעמען.

די טאָכטער האָט נישט געקענט צוזען דעם צער פון אירע עלטערן און מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט זי ענדלעך מסכּים געווען צו טון אַן אַנדער שדוך. מ'האָט די ערשטע תּנאים מבטל געמאַכט און שרהלע האָט געשריבן תּנאים מיט אַן אַנדערן, וואָס די עלטערן האָבן פאַר איר אויסגעזוכט. אין אַ חודש אַרום איז פאָרגעקומען די חתונה, חתן-כּלה זענען שוין געשטאַנען אונטער דער חופּה, נעבן זיי די מחותּנים, אַרום געסט, און דער בדחן האָט באַוויזן זיין כּח. אָט הערט זיך שוין פון חתנס מויל דער „הרי-את" און ער טוט אָן דער כּלה דאָס קדושין-פינגערל, נאָר פּלוצלונג דערהערט זיך אַן אומגעמענטשלעך געשריי פון דער כּלה און זי פאַלט הינטער זיך. די מחותּנימס פּנימער ווערן בלאַס, זיי ציטערן אינגאַנצן, שטייען

ווי פּאַראַליזירטע און פאַר זייערע אויגן קומט פאַר א שרעק־לעך בילד: — אויף דער ערד ליגט אָן באַוועגונג דער חתן, און אויף זיין אָרט לעבן דער כלה שטייט דער ערשטער חתן, ראובן ליוורעס, אָנגעטון אין א ווייסן קיטל און איז מקדש שרהלען. ווען דער עולם איז צו זיך געקומען האָט מען די ער־שיינונג נישט געזען, נאָר ווי עס ווערט דערציילט, זענען גע־לעגן אויף דער ערד חתן־כלה טויט. שרהלעס עלטערן זענען פון צער און שרעק אַריינגעפאַלן אין א מרה־שחורה און פון גאַנצן הויז איז געוואָרן א תל. די יינגערע טאָכטער, חנהלע, האָט די הייזער פאַרקויפט פאַר א העלפט געלט ווי זייער אמתער ווערט איז געווען. זי האָט חתונה געהאט און די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע געהאַלטן ביי זיך.

ווען אין וואַרשע האָט אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אויף יידן, האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס צעראבירט דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן פון דער רייכער משפחה און חנהלע האָט זיך פון גרויס עגמת נפש דערטרונקען.

פון דאַמאָלט אָן האָבן זיך די אומגליקלעכע עלטערן אַרומ־געשלעפּט איבער די הינטער־געסלעך פון וואַרשע און זיך גע־מוטשעט ביז זיי זענען ביידע צוזאַמען אויסגעגאַנגען אין פינ־סטערן קעלער אויף דער קראָכמאַלנע גאַס.

# דער תקיעת־כּף

ר׳ עוזר איז געווען אַ פרומער, גאָטפאָרכטיקער ייד און אַז זיין 19־יעריקער זון מיכאַל איז געפאָרן קיין פּעטער־בורג שטודירן, איז עס פאַר אים געווען אַ מוראדיקער קלאַפּ. לאַנג האָבן טאַטע־מאַמע, משפּחה און גלאַט גוטע פריינט מיט אים איינגעאַרבעט ער זאָל נישט פאָרן. געטענהט אַהין, געטענהט אַהער, אים צו פאַרשטיין געגעבן, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַזאַ יחוסדיקער, חסידישער פאַמיליע צו פאָרן שטודירן גלייך מיט אַלע הולטאַיעס, די „דאַטשלעך״, נאָר ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט זיך איינגעעקשנט: שטודירן — און פאַרפאַלן! הימל און ערד און שטודירן! נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן, נישט קיין גוטע רייד און נישט קיין קלעפּ — גלייך אַ קליפּה וואָלט אַריין אין דעם בחור.

דער פאָטער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַן אבל, דעם קאָפּ צו דר׳ערד געזונקען, זיך געשעמט פאַר לייטן די אויגן צו ווייזן. נאָר פונדעסטוועגן וואָלט ער דעם תּכשיט בשום־אופן נישט נאָכגעגעבן, ער זאָל וויסן כ׳ווייס־וואָס. איז ער דאָך פאָרט אַ טאַטע, האָט אים דאָס האַרץ ווי מיט מעסערס געשניטן, זעענדיק ווי דער בחור גייט אויס ווי אַ ליכט. הויט אוןביין איז

פון אים געוואָרן. דערצו האָט ער נאָך געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך אַ מעשה אָנטון, אויב מ'וועט אים נישט לאָזן אויס־פירן וואָס ער באַגערט. חוץ דעם האָט ר' עוזר באַמערקט, אַז זיין זינדל קוקט עפּעס צופיל אין אַנטקעגנדיקן פענסטער, וואו עס וואוינט אַ רוסישער טשינאָווניק מיט זיין פרוי און יונגער טאָכטער... עפּעס האָט ער געהאַט אַ שווער פאַרגעפיל וועגן דעם און געטראַכט, אַז אפשר וועט שוין בעסער זיין מיכאַל זאָל אַוועקפאָרן...

— זאָל שוין זיין וואָס עס וויל! — האָט ר' עוזר פאַר־צווייפלט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

דער מאָמענט פון צושיידן זיך איז געווען אַ שווערער. ס'איז פּשוט אַ שרעק געווען צו קוקן אויף ר' עוזרן. ער האָט געפילט ווי ער וואָלט זיין אייגן קינד געשיקט צו דער עקדה און ער איז געזעסן ביים טיש אַ פאַרפינסטערטער. נאָר פּלוצ־לונג האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אַ ווינק־געבנדיק צו מי־כאלן, האָט ער אים צו זיך צוגערופן.

— הייסט עס, אַז דו פאָרסט?—האָט ער אַ זאָג געטון צום זון, וועלכער איז מיט נישט זיכערע טריט צו אים צוגע־גאַנגען.

— יאָ! — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— נו, פאָר געזונט! — האָט ער ווייטער גערעדט, — נאָר... גיב מיר דיין האַנט, אַז דו וועסט פאַרבלייבן אַ געטריי־ער ייד און אָפּהיטן יידישקייט ווי אין דער היים.

— וואָס רעדט דער טאַטעשי? איך שווער דערויף!

און ער האָט געשוואוירן.

*

די ערשטע צייט האָט מיכאַל זיך געפילט אין פעטער־

בורג פרעמד און עלנט. ער האָט געבענקט צהיים נאָך זיין דוואיק, שטיל ווינקעלע ביי זיינע ליבע עלטערן; נאָר ביסלעכ-ווייז האָט ער זיך צום דאָרטיקן לעבן צוגעוויינט. ער האָט באַ-קומען אַ סך פריינט און באַקאַנטע אין די רייכע יידישע קרייזן, וועלכע האָבן ליבלעך אויפגענומען דעם יונגן, סימפאַ-טישן בחור. מיכאַל האָט זיינע עלטערן אָפט בריוו געשריבן און זיי דערציילט ווי גוט אים איז דאָרט, ווי פיין מ'נעמט אים אויף אין די שענסטע הייזער און ער האָט זיי געטרייסט זיי זאָלן זיך גאָרנישט זאָרגן — ער פארגעסט זיי נישט און וועט זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן און ער היט אויך אָפּ יידישקייט אַט אַזוי ווי אין דערהיים.

דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט.

זייער וואַרשעווער שכן, דער רוסישער טשינאָווניק מיט זיין טאָכטער יעלענא זענען אַראָפּגעקומען קיין פעטערבורג. אויף דעם האָט מיכאַל געוואַרט די גאַנצע צייט. איידער ער איז געפאָרן האָט ער געוואוסט, אז זיי וועלן אַוועק אין דער רוסישער הויפּט-שטאָט און דאָס איז טאַקע געווען די הויפּט-סיבה פון זיין עקשנות צו פאָרן קיין פעטערבורג. ער האָט געוואוסט, אז דאָרט וועט ער זיך פילן פריי מיט יעלענאן.

צייט מיכאַל האָט זיך מיט יעלענאן באַקענט איז זיין פאָ-טערס הויז און די שטרענגע השגחה איבער אים געפאַלן אויף אים ווי אַ שווערע משא און ער האָט מיט אַלע כּחות גע-שטרעבט דערפון פּטור צו ווערן, ביז ער האָט דאָס זייניקע אויס-געפירט.

האָבנדיק ווידער לעבן זיך יעלענאן איז ער אינגאַנצן איבערגעביטן געוואָרן. זי האָט אים אריינגעפירט אין אַנדערע קרייזן, אין קריסטלעכע, און ער האָט זיך ביסלעכווייז דערווייַ-

טערט פון דער יידישער סביבה. די בריוו זיינע צו די עלטערן זענען אויך געוואָרן זעלטענער און קעלטער און מיט דער צייט האָט ער זיי אינגאנצן אויפגעהערט שרייבן און נאָר ווען זיי האָבן אים מיט בריוו פאַרוואָרפן, האָט ער זיי פון יוצא וועגן אַ בריוו צוגעוואָרפן.

מיכאל האָט פאַרגעסן יידישקייט. זיין גאַנץ לעבן איז ביי אים געוואָרן יעלענאַ. יעלענאַ היינט און יעלענאַ מאָרגן! און זי, אַ געשיקטע און אַ כיטרע, האָט גוט געוואוסט ווי אים צו נעמען פעסט אין די הענט אַריין.

אין אייניקע יאָר אַרום, ווען מיכאל איז שוין געווען אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט פון יידן און ווייסגדיק, אַז דער בחור איז גרייט צו דערפילן איר יעדן פאַרלאַנג, האָט זי אָנגעהויבן צו אים צושטיין, אַז ער זאָל זיך שמדן און אריינטרעטן אין אַ מיליטערישער שולע, וואו זי קאָן פאַר אים קריגן פּראָטעקציע. דאַן וועט זי מיט אים חתונה האָבן און עס וועט זיי גוט זיין ווי די וועלט.

אין, אָנפאַנג האָט מיכאל אויפגעציטערט בלויז פון דעם געדאַנק וועגן שמד... נאָר מיט דער צייט איז ער דערצו אויך צוגעוואוינט געוואָרן. חוץ דעם האָט ער זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז ער וועט קענען לעבן אָן איר. זי וועט אָבער נישט חתונה האָבן מיט אים ווי לאַנג ער איז נישט קיין „פּראַוואָסלאַוונער".

ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַלערליי תירוצים פאר זיך אַליין, עס איז אים אויך שטאַרק געפעלן צו ווערן אַן אָפיציר. יעלענאַ וועט אים זיכער ליבער קריגן. יידן וועלן אים טאקע אָפּשטויסן, אָבער ער האָט דאָך שוין סיי-ווי-סיי מיט זיי גאָרנישט צו טון. און חוץ דעם — ווער דאַרף עס וויסן?

קאַלט און פאַרגליווערט איז מיכאַלס האַרץ געוואָרן אין דער פרעמדער וועלט. און ער האָט יעלענאַס פאַרלאַנג באַגראָבן.

•

צוואַנציק יאָר זענען אַריבער פון דער צייט, וואָס עזור האָט זיך צעשיידט מיט זיין זון און פון אים תקיעת־כּף גענומען. ער איז שוין געווען אַלט און געבויגן. לאַנג־לאַנג האָט ער נאָך זיין מיכאַלן געטרויערט, קיין נעכט נישט געשלאָפן, ביז ער האָט זיך פון אים מייאש געווען. פאַר לייטן האָט ער אַ פריילעך פּנים געמאַכט אפילו דאַמאָלט, ווען דער תכשיט האָט אים שוין אינגאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן. זיין איינציקער טרייסט און האָפענונג איז געווען זיין יינגערער זון נחום, וועלכער האָט געהאַט אַ וואוילן קאָפּ צום לערנען און זיך פיין אויפגעצויגן. איז אָבער אין דער לעצטער צייט אויך דידאָזיקע האָפענונג פאַרלאָשן געוואָרן. נחום פלעגט זיך שטענדיק ביי די עלטערן נאָכפרעגן אויף זיין ברודער אין פּעטערבורג, נאָך וואָס ער איז אַהינגעפאָרן און וואָס ער טוט דאָרט — און זיי האָבן אים שטענדיק פאַרדרייט מיט אַנדערע זאַכן.

ווען נחום איז אָבער אויסגעוואַקסן, האָט ער אַליין שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיין ברודער איז אַוועקגעפאָרן און ער האָט אים אָנגעהויבן מקנא זיין. ס'האָט אים אויך אָנגעהויבן ציען אַוועקצופאָרן ערגעץ שטודירן און ער האָט זיין פאַרלאַנג נישט איינמאָל פאַרטרויט פאַרן פאָטער. דער פאָטער האָט פאַרשטייט זיך, אויף אים אָנגעשריגן און נחום האָט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם. נאָר ביי זיך אין האַרץ האָט ער זיך נישט געקענט באַרויקן. א פייער האָט אין אים געברענט און ער האָט עס נישט געקענט פאַרלעשן. ער האָט כּסדר געחלומט וועגן אויספירן זיינע פלענער. מ'האָט אים אָנגעהויבן

צו רעדן שידוכים, פיינער יחוס, חסידיש־נגידיש, נאָר ער האָט פון גאָרנישט געוואָלט הערן און נישט וויסן. ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרבינדן מיט אַ פאַמיליען־לעבן, ווייל ווי לאַנג ער איז פריי, האָט ער נאָך אַ האָפנונג דורכצופירן דאָס זייניקע און ער וועט נאָך אפשר קענען עפּעס אויפטון.

אָבער גאָר אינגיכן איז אים טאַקע אויסגעקומען עפּעס אויפצוטון, אָבער נישט אין דער פרעמד, נאָר ביי זיך אין דערהיים. אין פוילן האָט אויסגעבראָכן די פּאָווסטאַניע און דאָס האָט אים אַ צי געטון. ער איז געווען פון די ערשטע יידן, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו די „פּאָווסטאַנצעס" פון 1863.

אָן די עלטערנס וויסן האָט ער געקעמפט אין דעם אויפ־שטאַנד צוזאַמען מיט די אַלע, וואָס האָבן פוילן געוואָלט באַ־פרייען פון דעם רוס. ער האָט זיך געוואַלגערט אין וועלדער און פעלדער, אויף טעג און נעכט פאַרפאַלן געוואָרן און די עלטערן האָט ער פאַרשיידענע תירוצים געזאָגט. היינט — אַזוי און מאָרגן — אַזוי. טאַטע־מאַמע האָבן פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען מיט זייער קינד, נאָר וואָס האָבן זיי נישט געוואוסט, האָבן זיי שטילערהייט געקרעכצט און די טרערן געשלונגען.

דערנאָך איז נחום אינגאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן און זיי האָבן נישט געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען.

די „פּאָווסטאַניע" איז אַלץ פאַרשפרייטער געוואָרן און פון רוסלאַנד איז מער מיליטער געשיקט געוואָרן צו דערשטיקן די בונטאָווששיקעס.

איינמאָל האָט מען אין וואַרשעווער מיליטערישן שפּי־

טאָל געבראַכט אַ שווער פאַרוואונדעטן רוסישן אָפיציר, וועל־כער איז געשאָסן געוואָרן פון אַ „פּאָוסטאַניעץ" אין פּראַגער וואַלד.

דער אָפיציר האָט שוין געגוססט, נאָר מיט אַלע כחות האָט ער אביסל דעם קאָפּ אונטערגעהויבן און אַרויסגע־שטאַמלט:

— ה—אָ—ט מ—ע—ן א—י—ם ג—ע—כ—אַ—פּ—ט?

דאָס האָט ער געמיינט, צי מען האָט געכאַפּט דעם „פּאָוסטאַניעץ", וואָס האָט אים געשאָסן, און די אַרומשטייענ־דיקע דאָקטוירים און באַרמהאַרציקע שוועסטער האָבן אים פאַר־זיכערט, אַז מען האָט אים געכאַפּט און מאָרגן וועט מען אים אויפהענגען פאַר די אויגן פון טויזנטער מענטשן.

דער גוסס האָט זיך אַ צאַפּל געטון און צוריק פאַר־מאַכט די אויגן. דער „פּאָפּ", וואָס איז שוין דאָרט געשטאַנען, האָט צוגעטראָגן דעם צלם צום אָפיצירס ליפּן, נאָר דער גוססער האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטון און מיט די לעצטע כחות געבעטן:

— אַ יי—ד—ן! בר—ענ—ג—ט אַ ייד!

די אַרומשטייענדיקע האָבן זיך אַרומגעקוקט דערשטוינטע: וואָס דאַרף ער פאַרן טויט אַ ייד? נאָר מען האָט באַשלאָסן צו דערפילן זיין לעצטן וואונטש. איינער פון די שפּיטאָל־וועכטער איז שנעל אַרויסגעלאָפן אויפן גאַס און דעם ערשטן־בעסטן ייד, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָט ער אַריינגערופן.

דער ייד איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי ר' עוזר. באַלד ווי ער איז אַריינגעקומען, האָט מען אים צוגעפירט צום שטאַרבנדיקן. דער גוסס האָט נאָך קוים דעם אָטעם געצויגן, אָבער ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און קוים הערבאַר אַרויסגע־שעפּטשעט אויף יידיש:

— אי—ך בי—ן אַ געַ...

דער גוסס האָט דערביי ברייטער די אויגן געעפנט אויף דעם יידן אָנגעקוקט. זיין בליק איז אַלץ שאַרפער געוואָרן און פלוצלונג האָט ער זיך ווי אַ הויב געטון אין לופטן אַרויס־כאָרכלענדיק:

— ט—אַ—ט—ע!

און דערמיט האָט ער אויף אייביק דאָס מויל פאַרשלאָסן.

דער אלטער ר׳ עוזר האָט זיך פאַרן קאָפּ געכאַפּט און גענומען שרייען:

— מיכאַל! זון מיינער!

און איז אין חלשות געפאַלן.

* *
*

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „פּאָוסטאַניעץ“, וואָס האָט מיכאלן געשאָסן, איז געווען זיין ברודער נחום. מען האָט אים אויפגעהאנגען.

# שדים

ווער האָט געהערט פון „פראַגער עלוי״? דערצויגן געוואָרן איז ער ביי רייכע, חסידישע עלטערן אין פראגע. אין גרויס לוקסוס האָט ער זיך געהאָדעוועט און ווען ער וואָלט דאָס טעלערל פון הימל געוואָלט — וואָלט מען עס אים געגעבן.

צו לערנען האָט מען אים אוועקגעגעבן צו די גרעסטע לומדים און גאונים פון יענער צייט. ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין דער ליטע אין אַ דאָרטיקער ישיבה. אַ גוט קעפּל האָט ער געהאַט, האָט ער זייער פלינק פאַרנומען, וואָס מ'האָט אים געלערנט. דער ראש־ישיבה איז פון אים שטאַרק צופרידן געווען און דער פליי־סיקער תלמיד איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אַלס עלוי.

ביי דעם נאָמען איז ער שוין פאַרבליבן אויף שטענדיק און ווען מען האָט אַ זאָג געטון „פראַגער עלוי״, האָט מען שוין געוואוסט וועמען מען מיינט. און ווען ער איז שפּעטער צוריקגעקומען צום פאָטער, זענען די קרובים זיך געקומען מיט אים פרייען.

נאָך זייענדיק זייער יונג — פופצן יאר אַלט — האָט

מען אים שוין אָנגעהויבן באוואַרפן מיט די בעסטע שדוכים, די גרעסטע גבירים און לומדים האָבן זיך געוואונטשן אים צו קריגן פאַר אן איידעם, נאָר דער עלוי, וועלכער האָט שוין געהאַט סמיכה אויף רבנות, האָט דערפון נישט געוואָלט הערן און כסדר געטענהט, אז ער האָט נאָך צייט.

דער פאָטער האָט אָנגעהויבן זוכן דעם סוד פאַרוואָס זיין זון וויל קיין שדוך נישט טון און ער איז טאַקע דערגאַנגען: אריינקומענדיק איינמאָל אומגעריכט אין שטוב האָט ער געטראָפן דעם עלוי זיצנדיק פאַרטיפט איבער אַן אפיקורסיש ביכל.

דער פאָטער איז אזוי איבערראַשט געוואָרן, אַז ער איז געבליבן ווי פאַראַליזירט און נישט געקענט ארויסברענגען אַ וואָרט פון מויל. קומענדיק צו זיך האָט ער דעם זון מיט גוטן אויסגעמוסרט און זיך געהיט ס'זאָל דערפון נישט ארויסקומען אַ סקאַנדאַל.

עס זענען פאַרלאָפן עטלעכע יאָר. דער פאָטער האָט גערעכנט, אַז זיין זון איז שוין בעסער געוואָרן און לייענט שוין נישט „יענע" ביכלעך, בפרט, אַז ער האָט איינגעשטימט אַ שדוך צו טון.

מ'האָט דעם עלוי טאַקע באַלד חתונה געמאַכט מיט דער טאָכטער פון א חסידישן יחסן.ביידע צדדים, דעם חתנס און דער כּלהס, זענען געווען ממש אויפן זיבעטן הימל פון גליק.

נישט לאַנג האָט אָבער די שמחה געדויערט. עטלעכע וואָכן נאָך דער חתונה האָט מען אָנגעהויבן אונטערצומורמלען אויפן עלוי, אַז ער איז אַן אָפטער איינגייער אין הויז פון א יונגן, יידישן דאָקטאָר, אויך אַ געוועזענער ישיבה-בחור, און ער לערנט דאָרט זאַכן, וואָס מ'טאָר נישט...

ס'האָט נישט געהאָלפן מער קיין מוסרן. פאַרקערט,

זענדיק, אז סיי־ווי ווייס מען פון זיינע מעשים, האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די מסקע און געוואָרן אַן עפנטלעכער צו־להכעיסניק.

דער שווער זיינער האָט אָנגעהויבן רעדן פון א גט. דער איידעם איז דערויף באַשטאַנען. נאָר דאָ האָט אין פוילן זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציע און דער „פראַגער עלוי" איז געוואָרן איינער פון די באַגייסטערטסטע „פּאָווסטאַנצעס".

*

אין דערזעלבער צייט איז דעם עלויס ווייב געלעגן געוואָרן און געהאַט א זון.

צום ברית זענען קיין זייטיקע מענטשן אויסער דער משפחה נישט געקומען. איינער האָט זיך געשעמט פאַרן צווייטן די אויגן אויפצוהויבן. די קימפעטאָרן האָט די גאַנצע צייט גע־וויינט און די שמחה, וועלכע איז פאָרגעקומען אָן בעל־ברית, איז אדורך זייער טרויעריק. די משפחה, וועלכע איז פריער שטאָלץ געווען מיט איר יחוס, האָט זיך איצט דערפילט דער־שלאָגן, פארשעמט און אַלע האָבן שטיל תפילה געטון, אַז גאָט זאָל דעם עלויס האַרץ צוריקקערן צום גוטן, צו יידישקייט.

*

דער טאָג, ווען דער ברית איז פאָרגעקומען, איז אויך נישט געווען קיין בעסערער פאַר דעם „פּראַגער עלוי".

דאָס רוסישע מיליטער האָט כסדר פארפאָלגט אים מיט די אנדערע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַלד ביי פּאָוואָנזעק. פיל זענען אַנטלויפנדיק געהרגעט געוואָרן. דעם עלוי האָט זיך איינגעגעבן צו באַהאַלטן צווישן א באַרג זאמד, און ער איז דאָרט אַזוי אָפּגעלעגן א גאַנצן טאָג.

ס'האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. ארויסגיין פון זיין באַ־העלטעניש האָט ער נאָך מורא געהאַט. קיין עסן האָט ער פון נעכטן ביינאכט אין זיין מויל נישט געהאַט און דער הונגער און דורשט האָבן אים געמוטשעט. ער האָט זיך שוין מיאש געווען אַ לעבעדיקער ארויסצוקומען פון וואלד און ער איז איינגעשלאָפן.

פּלוצלונג האָט אים א שטים אויפגעוועקט:

— וואָס שלאָפט איר, בעל־ברית? אַלע זענען זיך משמח און איר גאָרנישט!...

דער עלוי האָט אויפגעשטעלט א פּאָר דערשראָקענע אויגן און זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטן. ער האָט זיך גע־פונען אין אַ שטוב... אין זיין שטוב... אין בעט ליגט דאָס ווייב און שמייכלט גליקלעך. ארום טיש זיצט די משפּחה און פיל געסט און אַלע זענען פריילעך, לעבעדיק. אָט זיצט דער סנדק און האַלט דאָס קינד אויפן שויס, אַ מוהל מאַכט די ברכה און איז עס מל...

דער עלוי זיצט ווי צוגעשמידט צום אָרט און ארום הערן זיך שטימען:

— מזל־טוב, בעל־ברית!

— אי"ה ביי אייניקלעך און אור־אייניקלעך!...

— טרינקט, טרינקט, בעל־ברית! און עמיץ שטופּט אים אין מויל אריין אַ גלאָז ביר.

צום טיש דערלאַנגט מען פיינע מאכלים. דער עולם זינגט, טאַנצט, הוליעט און לאָזט זיך וואוילגיין.

— נו, נו, טייערער איידעם מיינער, זאָל דיר זיין מיט מזל און ברכה! אין דיין זכות זאָל דיין זון אויסוואַקסן אַזא צדיק ווי דו!

פאַרן עלוי איז געשטאַנען דער שווער און צו אים אויס־

געשטרעקט די האַנט. ער האָט דעם שווער געוואָלט צוריקגעבן די האַנט, נאָר דאַ האָט זיך פּלוצלונג דאָס גאַנצע בילד פאַרוואַנדלט: די שטוב איז מיט איינמאָל נעלם געוואָרן צוזאַמען מיט דער קימפּעטאָרן. די גאַנצע משפּחה און די געסט זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומגעלומפּערטע באַשעפענישן מיט שוואַרצע פליגל. אַלע האָבן אויסגעשאָסן אַ טייוולאָניש געלעכטער און דעם עלוי אַ כאַפּ געטון אין לופטן און אים צוריק מיט אימפּעט אַראָפּגעשליידערט אויף דר'ערד.

---

אינדערפרי האָט מען אים געפונען אין וואַלד, אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד. מען האָט אים קוים אָפּגעמינטערט און אָפּגעפירט אין אַ שפּיטאָל. פאַרן טויט האָט ער דערציילט, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען און ער איז מיט „שמע ישראל" אויף די ליפּן אויסגעגאַנגען.

# דער פאַרשטערטער כל־נדרי

יום־כפור אין אָוונט צו כל־נדרי. די פּאָוואָנזקער שול איז פול געפּאַקט. דער עולם זאָגט תפילת־זכה. די יום־כפורדיקע אימה ליגט אויף יעדנס געזיכט. דער היינטיקער כל־נדרי־אָוונט איז שווערער און מוראדיקער ווי ווען עס איז. ביי טייל פון די מתפללים שטייען טרערן אין די אויגן און אָפּט רייסט זיך פון וועמעס ברוסט אַרויס אַ טיפער זיפץ, אָנגעפילט מיט אומענדלעכן ווייטיק. ביי יעדן קלאַפּ פון ווינט אין די שויבן קוקט דער גאנצער עולם זיך דערשראָקן ארום.

אַ ביטער, הארצרייסנדיק געיאָמער רייסט זיך אריין פון עזרת נשים. אן אומאויפהערלעך שלוכצן מאַכט שווער די לופט און דריקט נאָך מער אלעמענס געמיטער.

אָט האָט דער חזן שוין געענדיקט די תפילת־זכה. דער חזן הייבט שוין אָן ציען די טענער פון כל־נדרי, נאָר שוואך און הייזעריק איז זיין שטים און ער צעוויינט זיך ווי אַ קליין אומבאַהאָלפן קינד. צוזאַמען מיט אים צעיאָמערט זיך אויך דער גאנצער עולם.

גישט אומזיסט איז דאָס האַרצרייסנדיקע געוויין. אַ שווער אומגליק האָט געטראָפן פּאָוואָנזקער יידן. צוויי חשובע באַלעבאַ־

זים זענען געפאַלן אַלס אומשולדיקע קרבנות פון שלעכטע מענטשן. מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט מען אויפגעהאָנגען ר׳ שמואל מירינסקין, צוליב אַ פאַלשער מסירה, אַז ער געהערט צו דער „פּאָוסטאַניע״ און ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק איז דערשאָסן געוואָרן ר׳ דודקע, וועלכן מ׳האָט אויך גערופן „חזן״, ווייל ער האָט געהאַט אַ זעלטן־שיינע שטים, אַ געפיל צו נגינה און יעדן יום כפור האָט ער געדאַוונט פארן עמוד אין דער פּאָוואָנזקער שול. געהרגעט איז ער געוואָרן נישט ווי שמואל דורכן רוסישן מיליטער, נאָר פון די „פּאָוסטאַנצעס״, וואָס האָבן אים חושד געווען, אַז ער איז א שפּיאָן פאַר די רוסן. דערשאָסן האָט מען אים בעת ער איז געגאַנגען פון פּאָוואָנזעק קיין ווארשע.

אויפן היינטיקן יום־כפור איז פּאָוואָנזעק געבליבן אָן א חזן און מ׳האָט געמוזט שטעלן צום עמוד דעם חזן פון אַ גאַנץ יאָר.

אין דער שול איז געווען אַזוי ווי די שאָטנס פון די פריצייטיק־אומגעקומענע וואָלטן דאָרט אַרומגעשוועבט.

פּלוצלונג איז אין דער ווייבערשער שול געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל. עס האָבן זיך דערהערט פאַרצווייפלטע קולות: „ראַטעוועט!״ און די פענסטערלעך, וואָס גייען אַריין אין דער מענער־שול, זענען פון די ווייבער אויפגעריסן געוואָרן.

די מאנסלייט זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק. דער חזן איז מיט איינמאָל שטיל געוואָרן, גלייך דאָס לשון וואָלט ביי אים אָפּגענומען. די מענער האָבן אויפגעריסן די טיר פון דער ווייבער־שול און אַהין אַריין.

דאָרט האָט זיך פאָרגעשטעלט א שרעקלעכע סצענע: עס־לעכע געזונטע פּוילישע יונגען האָבן געשלעפּט דבורה ייטען, דאָס ווייב פון געהרגעטן חזן, ר׳ דודקע. זי האָט זיך געווערט

מיט אַלע כּחות, נאָר זיי זענען שטאַרקער געווען פון איר און איידער די מאַנסלייט האָבן באַוויזן צוצוגיין זי ראַטעווען, זענען זיי שוין געווען מיט איר אין דרויסן און אַרויפוואַרפנדיק זי אויף א וועגעלע, זענען זיי מיט איר שנעל אָפּגעפאָרן.

די גאַנצע מחנה יידן און ווייבער האָבן זיך געלאָזט נאָכ־לויפן נאָכן וועגעלע. די געוואַלטן זענען געגאַנגען ביזן הימל. מ'האָט נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די יונגען האָבן פונ־דערווייטן געסטראַשעט און דערביי געשריגן, אַז דבורה־ייטע איז אַ פאַררעטערין, אז אויס נקמה פאַר איר מאַנס טויט, גיט זי איבער סודות דעם רוסישן מיליטער. און זיי זענען ווייטער נאָכגעלאָפן דעם וועגעלע, אין וועלכן ס'זענען געווען געשפּאַנט צוויי פאַר פערד.

עס האָבן זיך געהערט די געשרייען פון דער אומגליק־לעכער דבורה־ייטען. נאָר וואָס ווייטער זענען אירע קולות שוואַכער געוואָרן, ביז זיי זענען אינגאַנצן שטיל געוואָרן. דאָס וועגעלע איז פאַרשוואונדן אין דער פינסטערניש.

דער עולם האָט פאַרביטערט און דערשלאָגן זיך צוריק אוועקגעלאָזט צו דער שול.

פלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער שטורעם. עס האָט אָנגעהויבן צו דונערן און בליצן. אַ וואָלקן פון שטויב האָט זיך געשטעלט אויפן פינסטערן וועג און דער ווינט האָט געריסן די שויבן פון שול.

אין שול האָבן זיך אַלע צונויפגעדריקט אין איין מאַסע און אַזוי אַרום געענדיקט כּל־נדרי. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן זאָגן תהלים. קיינער האָט די שול נישט פאַרלאָזט. אפילו אין דער ווייבער־שול זענען די ווייבער פאַרבליבן, אויסער עטלעכע, וואָס האָבן אין דערהיים געהאַט זויג־קינדער.

שעהן האָבן זיך געצויגן אומגעווייגלעך לאַנג. דאָס

געווייַן אין שול האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם וואָיען פון ווינט אין דרויסן. פון צייט צו צייט איז דער הימל באַלויכטן געוואָרן פון א בליץ, א דונער האָט פאַרטויבט די לופט און לאַנג זיך געקייקלט. די נאַכט איז געוואָרן אַלץ שפעטער און דער פחד אין שול אַלץ גרעסער.

פלוצלונג האָט דער גאַנצער עולם אויפגעציטערט. ס׳האָט זיך דערהערט פון דרויסן א האסטיק און שטאַרק געקלאַפעריי פון רעדער און א הויך הירזשען פון פערד, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צו דער שול.

די פור האָט זיך אָפגעשטעלט לעבן דער שול. אַלע זע נען ארויסגעלאָפן אין דרויסן מיט שווער פאַרקלעמטע הערצער: ווער ווייס וואָס פאַר א ניי אומגליק? נאָר אין דרויסן האָבן זיי דערזען פאַר זיך א מוראדיק בילד:

ס׳איז געשטאַנען דאָסזעלבע וועגעלע, אויף וועלכן מ׳האָט אוועקגעפירט דבורה׳ייטען. די יונגען, וואָס האָבן זי ארויסגע־כאַפט פון שול, זענען געלעגן אָן סמנים פון לעבן און לעבן זיי איז געלעגן די געפאַנגענע אויך אָן דער מינדסטער באַ־וועגונג.

מ׳האָט דבורה׳ייטען אַריינגעכאַפט אין שול אַריין און זי גענומען מינטערן. זי האָט לאַנגזאַם געעפנט די אויגן. אַלע האָבן לייכט אָפגעאָטעמט.

ווען זי איז אביסל צו זיך געקומען, האָט זי דערציילט, אַז אויפן וועג האָט א בליץ געטראָפן דעם וועגעלע און די יונגען זענען געהרגעט געוואָרן. די פערד זענען געלאָפן אין פולן גאַלאָפ. זי איז געווען שטאַרק אָפגעשוואַכט און איז בישט בכח געווען פון וועגעלע אַראָפצושפרינגען. נאָר פלוצלונג האָט זי דערזען דאָס געשטאַלט פון איר דערהרגעטן מאַן. ער האָט זיך געשטעלט די פערד אין וועג און זיי האָבן זיך באַלד

אויסגעדרייט און אָנגעהויבן צוריקפאָרן. זי איז פון שרעק גע־
פאַלן אין חלשות און ווייס נישט וואָס ווייטער איז פאָרגעקומען.

---

ווען דער עולם איז שפּעטער אַרויסגעגאַנגען פון שול,
איז שוין דאָס וועגעלע מיט די געהרגעטע נישט געווען. קיינער
האָט נישט געוואוסט וויאזוי עס איז אַהינגעקומען.

# חיימל פרוש

אין דער צייט פון דער פוילישער „פאָוסטאַניע” האָט אויף קלאָפּאָצקי גאַס, וועלכע האָט דאמאָלט עקזיסטירט און זיך דורכגעשניטן דורך די גאסן פלאָנסקאַ און פּאָקאָרנא — געוואוינט אין איר אייגן הויז די פאַמיליע שנירער, וועלכע האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען ביי דער יידישער באפעלקערונג און פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט מיט איר צדקה. דער פאָטער פון דער פאַמיליע, ר׳ לייבושל שנירער, איז געווען אַ ייד אַ למדן, וועלכער האָט יום ולילה עוסק געווען אין תורה און מעשים־טובים. אָפּגעגעבן האָט ער זיך אין די יונגע יאָרן מיט האָלץ־האַנדל, פון וועלכן ער האָט געמאַכט גוטע געשעפטן, נאָר קומענדיק אין די מיטעלע יאָרן האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם מסחר און זיך פאַרנומען בלויז מיט רוחניות, לעבנדיק פון גרייטן.

געהאַט האָט ר׳ לייבושל זעקס קינדער — בלויז זין, און דער פאָטער האָט אַוועקגעלייגט אַלע כחות זיי צו געבן אַ גוטע יידישע דערציאונג, ער האָט צו זיי צוגענומען די בעסטע מלמדים, געשיקט זיי אין די גרעסטע ישיבות פון ליטע און גאַליציען און איבערהויפּט געטון אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך

פאר א פאָטער, וועלכער וויל, אַז זיינע קינדער זאָלן אויס־וואקסן גוטע גאַנצע יידן.

ווען די קינדער זענען נאָך געווען יונג, זענען זיי אַלע געגאַנגען אין פאָטערס דרך, געווען אָפּגעהיט, שטרענג יידיש־לעך און די גרעסטע לומדים פון יענער צייט האָבן אויף זיי געלייגט גרויסע האָפנונגען, ווייל זיי האָבן געהאַט שאַרפע עלוישע קעפלעך; ווען א קינד פלעגט אָבער נאָר אויסטון די קינדער־שיכלעך, פלעגט עס באַלד אָנהויבן גיין אין קרומען וועג און זיך געוואָלט ארויסרייסן פון פאָטערס רשות. עס פאר־שטייט זיך, אַז ר׳ לייבושל האָט דערפון שטאַרק געליטן און איז צוליב דעם רזאיגירט געוואָרן. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס, וואָס די קינדער קריכן אַראָפּ פון וועג, איז אַ שטראָף דער־פאר, וואָס ר׳ לייבושל זאָל זיך אַליין האָבן מיט עפּעס פארזינ־דיקט אין די יונגע יאָרן. נאָר ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָט ר׳ לייבושל אַוועקגעלייגט זיינע אַלע כחות צו האלטן די קינ־דער אין ציימל, און עס איז אים פיל־ווייניק געלונגען צו באַ־ווייזן, ווייל די קינדער האָבן פאָרט נישט געהאַט די דרייסט־קייט אָנצוטון די עלטערן אַזויפיל צער.

מאַכט זיך אָבער איינמאָל, אַז איינער פון ר׳ לייבושעס זין, דודל, וועלכער איז דאַן אַלט געווען אַכטצען יאָר, שטייט זיך אַזוי אין א פאַרנאַכט ביים פענסטער, וועלכעס איז אַרויס־געגאַנגען אויף דער גאַס, און זינגט עפּעס אַ נגון. גייט גראָד פארביי אַ פוילישער פריץ און אים געפעלט דעם יינגלס שטימע. גייט ער אַרויף צו ר׳ לייבושן אין שטוב און פארבעט דאָס יינגל צו קומען צו אים אין פאַלאַץ. די עלטערן זענען גראָד אין שטוב נישט געווען — און דאָס יינגל האָט מסכים געווען צו גיין צום פריץ.

פון דאַמאָלט אָן האָט זיך ביי ר׳ לייבושלען אין הויז

אָנגעהויבן אַן אמתער גיהנום. דודל איז געוואָרן אַן אָפּטער אריינגייער אין פּריצס הויז, וואו מען האָט אים באַקענט מיט דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע, צוגענומען צו אים אַ מוזיק־לערער, און צוליב אים האָבן צום פּריץ אָנגעהויבן אריינגיין אויך זיינע איבעריקע ברידער און זענען ביסלעכווייז אָפּגעריסן געוואָרן פון פאָטערס הויז.

צו יענער צייט איז אין פּוילן אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד און ר׳ לייבושלס זין, אויסער איינער, וועלכער איז דאַן געווען אין אויסלאַנד — זענען צוגעשטאַנען צו די „פּאָוו־סטאַנצעס״.

אין ר׳ לייבושלס הויז האָט געהערשט אַ גרויסער טרויער. דער פאָטער האָט אפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צונויפצורעדן מיט זיינע קינדער. ער האָט דערום אוועקגעגעבן זיינע כחות בלויז אויף זיין זון חיים, וועלכער איז געווען אין אויסלאַנד, און אַזוי געמאַכט, ער זאָל דאָרט פאַרבלייבן ביז אין פּוילן וועט רואיקער ווערן.

ר׳ לייבוש האָט אָנגעהויבן צו דערהאַלטן שוואַרצע בשורות: יעדעס מאָל איז אַן אַנדער זון געהרגעט געוואָרן אין דער „פּאָווסטאַניע״, איינער איז אויפגעהאַנגען געוואָרן און אין אַ קורצער צייט האָט דער אומגליקלעכער פאָטער פאַרלוירן פינף זין.

דאַן איז אומגעריכט צוריקגעקומען דער איינציק־געבליבענער זון, חיים, פון אויסלאַנד, און דער פאָטער, וועלכער איז געווען אינגאַנצן דערשלאָגן פון צער, האָט פון אים געפאָדערט, ער זאָל אים צושווערן, אַז ער וועט נישט אַריינטרעטן אין אויפשטאַנד און בלייבן אין די עלטערנס הויז. חיים האָט צוגעשוואוירן און דעם פאָטערס שמערץ איז אַביסל גרינגער געוואָרן.

חיים האָט אין האַרץ געפירט מיט זיך אַ קאַמף. דער טויט פון זיינע פינף ברידער האָט אים אויפגערעגט, און עס איז אים נישט באַקומען דאָס לעבן. אינגיכן איז געשטאָרבן דער פאָטער און באַלד נאָך אים די מוטער. חיים איז געבליבן עלנט און האָט באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין אויפשטאַנד.

---

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז שוין חיים געווען איינער פון די „פּאָווסטאַנצעס".

איינמאָל, ווען ער איז געלעגן אין וואַלד מיט אַ מחנה „פּאָווסטאַנצעס", זיך באַהאַלטנדיק פון רוסישן מיליטער, איז ער פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה: ער האָט דערזען אינמיטן וואַלד שטיין זיין פאָטערס הויז, אין וועלכן ער איז דערצויגן געוואָרן. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער שבועה, וואָס ער האָט געהאַט געגעבן זיין פאָטער, אַז ער וועט נישט פאַרלאָזן דאָס הויז און עס האָט אים אַרומגענומען אַן אומגעהויערע שרעק. ער האָט געפרעגט זיינע חברים צי זיי זעען אויך דאָס הויז, נאָר קיינער האָט עס נישט געזען. חיים איז נאָך דערשראָקענער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן לויפן איבערן וואַלד אַ צעטומלטער, און דאָס הויז איז אים אומעטום נאָכגעלאָפן. ער האָט געשריען מיט פאַרצווייפלטע קולות און איז מיט אַלע כחות געלאָפן; עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן, זיין פאָטערס הויז האָט אים כסדר פאַרפאָלגט.

אַזוי איז ער אָפּגעלאָפן דעם גאַנצן טאָג און אַ האַלבע נאַכט ביז ער איז ענדלעך געפאַלן אַ מידער צו דער ערד און איז איינגעשלאָפן.

אין שלאָף איז אים זיין פאָטער געקומען צו חלום און אים באַפוילן זיך גלייך אומקערן אין זיין הויז.

— דו מוזט בלייבן לעבן, אונזער גזע זאָל נישט איבער־נעריסן ווערן! — האָט דער פאָטער אים שטרענג געזאָגט.

ווען חיים האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער באַלד מקיים געווען, וואָס דער פאָטער האָט אים אין חלום באַפוילן, און אין אַוועק אין דער שטוב פון קלאָפּאָצקי גאַס, וואו ער האָט פאַר־בראַכט לאַנגע יאָרן אין לערנען תורה, געלעבט אָפּגעזונדערט פון אַלעמען און דערפאר באַקומען דעם נאָמען „חיימל פרוש".

ווען מען האָט געבויט די פעסטונג און די קלאָפּאָצקי גאַס צעלייגט, האָט „חיימל פרוש" זיך איבערגעצויגן אין דער פּראָווינץ, וואו ער האָט ווייטער געפירט זיין אָפּגעזונדערט לעבן.

# דער בלבול

אויפן אָרט, וואו עס שטייט איצט אין ווארשע די גרויסע געביידע פון די האַלעס, איז אין דער צייט פון דער פּאָווי־סטאַניע געשטאַנען אַ קליין הייזל, וואָס האָט געהאַט צוויי דירות. געוואוינט האָבן דאָרט צוויי יידן, איינער א מלמד און דער אנדערער אַ קרעמער. ביידע האָבן זייערע פּרנסות געהאַט טאַקע ביי זיך אין דערהיים. איינער האָט זיך געריסן דעם האַלז מיט תּלמידים און דער אנדערער מיט קונים. חיונה האָט מען ווי עס איז געצויגן, נישט צו פארזינדיקן און די צוויי יידן האָבן געלעבט שטיל און צופרידן.

נאָר איין זאַך האָט זייער רו צעשטערט. גאָט האָט זיי נישט קיין קינדער געשאָנקען. שוין היפּשע עטלעכע יאָר ווי זיי האָבן חתונה געהאַט — ביידע כמעט אין איין צייט — און גאָטס ביי־טערע שטראָף איז אויף זיי אויסגעגאָסן. מ'איז צו גוטע יידן געפאָרן, תּהלים געזאָגט און צום סוף האָט דער אויבערשטער געהאָלפן און אין די צוויי קליינע דירות זענען צוויי קינדער געבוירן געוואָרן — אָבער טאַקע אין איין טאָג און ביידע — מיידלעך.

זענען ביידע אָרעמע פאמיליעס גליקלעך געווען, וואָס דער

אין הימל האָט זייער געבעט דערהערט. ביידע האָבן זיי דער־צויגן זייערע קינדער אַזוי גוט און אַזוי וואויל ווי זיי האָבן געקענט, און די קינדער זענען געוואַקסן ווי אויף הייוון, די יאָרן זענען געלאָפן און פון די קליינינקע פּופּקלעך זענען היפּשע פּריילינס אויסגעוואַקסן — כּלה־מיידלעך.

דאַמאָלט האָט זיך פאַר די עלטערן אָנגעהויבן אַ נייע זאָרג: שידוכים. וואו נעמט מען חתנים? מילא, מיטן נדן און אויסשטייער האָבן זיי שוין געהאָפט ווי עס איז זיך דורכ־צושלאָגן.

נאָר, ווי זאָגט א ווערטל: „א שיין פּנים איז אַ האַלבער נדן". אַז מען האָט דערהערט, אַז די צוויי בתולות שטייען אין שידוכים, האָבן זיך אַ לאָז געטון שדכנים פון אַלע זייטן. מ'האָט ממש די טירן אָפּגעריסן. ערשט די שידוכים, וואָס מען האָט זיי גערעדט: גאָלד, שמאַלץ־גריבער, זייד און סאַמעט.

בקיצור, די צוויי מיידלעך זענען מיט מזל כּלות געוואָרן פאַר צוויי רייכע יונגע־לייט, ברידער — ביידע פּאָדריאַדטשיקעס, און די חתנים האָבן זיי באַקליידט און באַנייט און באַשוכט און זיי אַזאַן ליבשאַפט אַרויסגעוויזן, וואָס איז טאַקע זעלטן אויף דער וועלט.

נו, האָבן די עלטערן פון כּלהס צייט און אויך די חתנים אַזוי אָפּגעמאַכט: אָט אַזוי ווי די צוויי מיידלעך זענען אין איין טאָג געבוירן געוואָרן, אין איין טאָג כּלות געוואָרן—זאָלן זיי אויך אין איין טאָג חתונה האָבן. און אַזוי איז טאַקע געווען. א חתונה איז דאָס געווען—שוין איינמאָל אַ חתונה. מען האָט זיך ביזן ווייסן טאָג אריין משמח געווען. נאָך דער חופּה איז איין כּלה צו דער אַנדערער צו־געגאַנגען און זיך פייערלעך צוגעשוואוירן: „געבוירן אין איין טאָג, כּלות געוואָרן אין איין טאָג, חתונה געהאַט אין איין טאָג — לאָמיר אויך שטאַרבן אין איין טאָג".

גליקלעך זענען ביידע יונגע פּאָר־פּעלקער געווען אין דער ערשטער צייט נאָך דער חתונה. עס האָט זיי נישט געפעלט פון פויגל־מילך. כאָטש די געשעפטן זענען אין יענער צייט צוליב דער „פּאָוסטאַניע" געגאַנגען נישט אַזוי צאַצקעדיק ווי פריער, האָבן די ביידע יונגעלייטלעך נאָך גאַנץ שיין פאַרדינט. ביידע פּאָר־פּעלקער האָבן געוואוינט צוזאַמען, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט צושיידן איינע פון די אַנדערע.

נאָר אין מיטן האָט זיך דער שטן אַריינגעמישט. צו זייערע מענער, ווי דער שטייגער מיט פּאָדריאַדטשיקעס, זענען אָפט אָפּיצירן געקומען וועגן געשעפטס־זאַכן און דאָרט שעהן־לאַנג פאַרבראַכט. און אָט האָבן זיי איינמאָל ביי אַזאַ באַזוך די יונגע שיינע ווייבלעך דערזען און זיי זענען פּשוט פאַרבלענדט געוואָרן פון דער שיינקייט. די אָפּיצירן האָבן די ווייבלעך באַשיט מיט קאָמפּלימענטן און דערנאָך שוין גאַנצע טעג דאָרט אָפּגעלעגן, אַבי צו זיין לעבן די שיינע יידישקעס. ביסלעכווייז זענען די אָפּיצירן חוצפּהדיק געוואָרן און זיך אָנגעהויבן צו די כשרע ווייבלעך טשעפּען.

די צוויי ערלעכע יידישע טעכטער האָבן זיך מיט עקל און מיט בושה אָפּגעקערט פון די לוסטיקע חברה־לייט און זיך אַפילו געשעמט וועגן דעם זייערע מענער צו דערציילן און זיי האָבן דעם ווייטיק פאַרבאָרגן אין זייערע הערצער געטראָגן. די אָפּיצירן זענען ווייטער געקומען און ווייטער האָט זיך דאָס זעלבע איבערגעחזרט. דער סוף איז געווען, אַז די ווייבלעך האָבן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי צו דערציילן זייערע מענער די גאַנצע געשיכטע.

די מענער האָבן דערנאָך די אָפּיצירן אָפּגעוואָרט און זיי

גוט אויסגעוידלט און זיי געסטראַשעט צו פאַרמסרן פאַר דער העכערער נאַטשאַלסטוואָ. די אָפיצירן זענען אָנגעצונדענע פון כעס אוועק און דערביי געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך שוין אָפּרעכענען!

איינמאָל, ווען ביידע יונגע ווייבלעך האָבן אינדערפרי געגומען א שפּאַציר, האָבן זיי זיך פּלוצלונג אָנגעשלאָגן אָן עפּעס אַ שיין פאַרפּאַקט פּעקעלע. האָבן זיי עס אויפגעהויבן און עס באַטראַכט. דערביי האָבן זיי געשפּאַסט, אַז זיי וועלן נאָך דאַרפן גיין צום רב, איידער זיי וועלן זיך קענען איינטיילן מיט דער מציאה. און אָפּגעמאַכט האָבן זיי דאָס פּעקל צו עפּענען אינדערהיים. נאָר אַזוי ווי זיי האָבן ווייטער געוואָלט גיין, האָבן זיי דערהערט אַ שטרענגן געשריי:

— סטאָי!

און אַז זיי האָבן זיך אומגעקוקט, האָבן זיי דערזען ווי רוסישע סאָלדאַטן לויפן זיי אנטקעגן מיט אָנגעשטעלטע פּיקעס.

— וואָס האָט איר דאָרט אין פּעקל? — פרעגן מיט כעס די סאָלדאַטן.

זאָגן זיי, ווי דער אמת איז, אַז זיי האָבן עס נאָר־וואָס געפונען און ווייסן נישט וואָס אינעווייניק איז.

כאַפּן די סאָלדאַטן אַרויס דאָס פּעקל און עפענען דאָס אויף — ערשט עס ליגן דאָרט פּוילישע פּראָקלאַמאַציעס, וואו עס רעדט זיך וועגן באפרייען פּוילן פון די רוסן. חוץ דעם איז דאָרט געלעגן אויפרייס־שטאָף און אנדערע אַזעלכע געפער־לעכע זאַכן.

די ווייבלעך האָט מען באַלד אָפּגעפירט אין טורמע אריין און מען האָט זיי שרעקלעך געמוטשעט. דאָס קריגס־געריכט האָט זיי צום טויט פאַרמשפּט. דורך דער צייט זענען די אָפי־צירן צו זיי עטלעכע מאָל געקומען אין טורמע און זיי געזאָגט,

אַז אויב זיי וועלן צוזאָגן צו זיין גוט צו זיי, וועלן זיי זען מ׳זאָל זיי פריי לאָזן. אָבער די כשרע יידישע ווייבלעך האָבן דערפון נישט געוואָ׳ט הערן און געדענקען. בעסער שטאַרבן, איידער אַזאַ זאַך.

ווען די ווייבלעך זענען אומגעקומען, זענען זייערע מענער געוואָרן הייסע פּאַטריאָטן און זיי האָבן שפּעטער זייערע לעבנס פאַרלוירן אין אַ געשלעג מיט די רוסן.

# די לויה

ס'איז געווען אַ פינסטערער, נעפלדיקער אָוונט. אין דרויסן האָט געגאָסן אַ טריבער רעגן און געקלאַפט אין די שויבן פון די קליינע, הילצערנע הייזלעך פון פאַנסקע גאַס. ס'איז שוין געווען שפעט אין אָוונט. קיין פאַרבייגייער אויפן גאַס איז כמעט נישט געווען צו באַמערקן, נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזן עפעס אַ פאַרשוין. דעם קאָלנער פון מאַנטל אויפגעשטעלט איבער די אויערן, דעם הוט אַראָפגערוקט איבער די אויגן, און אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, אַריין אין אַ קליין איינגעבויגן הייזל.

אין איינעם פון די צימערן פון יענעם הויז האָבן זיך יענעם אָוונט צוזאַמענגעקליבן עטלעכע צענדליק מענטשן — יידן און קריסטן — זיך צו באַראַטן וועגן זייער אַ וויכטיגן ענין. די פאַרזאַמלונג איז צוגעגאַנגען זייער געהיימניספול, די לאָדנס זענען זייער פעסט פאַרמאַכט געוואָרן. יעדע שפאַרע האָט מען פאַרשטעלט, קיין שטראַל פון ליכט זאָל נישט אַרויס אינדרויסן און אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט. יעדער פאַרשוין, וואָס איז אָנגעקומען, האָט געמוזט זאָגן, איידער מען האָט אים די טיר געעפנט, אַ געוויסן סימן, אויף וועלכן מען האָט זיך

פריער אָפּגערעדט. ווען אַלץ איז שוין געווען אין אָרדנונג, האָבן זיך די פאַרשווינען די הוטן אַרויפגערוקט און פרייער אָפּגעאָטעמט.

„מיינע הערן", האָט זיך איינער א פאַרשוין געווענדט צו די פאַרזאמלטע. — „דער אויפשטאַנד פלאַקערט אין גאַנצן לאַנד, מ'טאָר קיין איינציקע רגע נישט פאַרזוימען און אַרויסהעלפן אונזערע ברידער. מיר האָבן זיך אָפּגעקליבן דאָסדאָזיקע נידריקע הייזל, זייענדיק זיכער, אַז ס'וועט נישט פאַלן קיין חשד, אַז דאָ קומט עפּעס פאָר. מיר האָבן צוליב דער זיכערקייט אויך איינגעאָרדנט אונזער געווער־סקלאַד דאָ. ליידער, ווי אונזערע זענען דערגאַנגען, האָט פּאָליציי אָנגעהויבן קוקן פאַרדעכטיק אויף דעם הייזל. די קלאַנגען זענען אמת, צי נישט — אַלענפאַלס מוזן מיר זיך פון דאַנען וואָס שנעלער אָפּטראָגן און איבערציִען אונזער געווער־סקלאַד אויף אַן אַנדער זיכער אָרט. דאָס אָרט דאַרפן מיר איצט באַשליסן".

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּאַרעניש. יעדער האָט אָנגעוויזן אַן אַנדער אָרט, וואו דער געווער־סקלאַד זאָל זיין. ענדלעך האָט זיך אויפגעשטעלט א יידישער יונגערמאַן און געבעטן דאָס וואָרט. „איך וואָלט געראַטן", האָט ער אויסגערופן, „מען זאָל דאָס געווער באַגראָבן אויף א יידישן בית־עולם. הא? וואָס? ווי אַזוי? „אָט הערט, מען קאָן דאָס געווער באַגראָבן אַלס מת". וואָס, אלס מת? „אלס מת! פון אונזער חברה איז שוין לאַנג נעלם געוואָרן דער „שווארצער מאקס". מיר וועלן אים ערקלערן אַלס געשטאָרבן, מאכן אַלע נויטיקע פאָרמאַליטעטן, דערנאָך — א בכבודע לויה, אין וועלכער עס וועט זיך, פאַרשטייט זיך, געפינען דאָס געווער. אויפן בית־עולם וועט מען אָנשפּורן די וועכטער, די בעלי־מתעסקים, און דאָס געווער אַראָפּלאָזן אין קבר".

— און וואָס וועט זיין, אַז מען וועט באַמערקן?

—דאָס איז אוממעגלעך! פּאָליצײַ קוקט דאָך נישט נאָך ווי מען מען באַגראָבט. בפרט אין דער איצטיקער צורודערטער צײַט האָט זי נישט מער אויפן קאָפּ! —

— אויסגעצייכנט! — האָבן אַלע פאַרזאַמלטע אַנטציקט פון דעם איינפאַל אויסגעשריען.

צוויי טעג שפּעטער האָט זיך איבער די ווארשעווער גאַסן געצויגן צום יידישן בית-עולם א לויה, נאָך וועלכער עס זענען נאָכגעגאַנגען פיל באַגלייטער, אַלע די קעפּ אַרונטערגעלאָזן, ווי פאַרזונקען אין טיפן טרויער. די באַגלייטער האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך, זיך איבערגעקוקט איינער מיטן צווייטן און כּלומרשט אַרויסגעלאָזט זיפצן. אַלע האָבן זיך מיט טיכלעך געווישט די אויגן. די עטלעכע פרויען וועלכע זענען נאָכגעגאַנגען האָבן פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט א געיאָמער, גלייך ווי אין עגלה וואָלט ווירקלעך געלעגן א בר-מינן. די דורכגייער אויפן גאַס האָבן זיך נאָכגעפרעגט ווער עס איז געשטאָרבן און באַגלייט די לויה עטלעכע טריט. ווען די לויה איז געקומען אויף דעם בית-עולם האָבן זיך די באַגלייטער פונאנדערגעטיילט אין עטלעכע גרופּעס און זיך אַנגעהויבן פאַרען צו באַזאָרגן דעם „מת". די בעלי-מתעסקים האָט מען אַוועקגענומען אין א זייט, זיי מכבד געווען מיט משקה און פאַרבייסן—און ווען זיי זענען שוין געווען טויט-שכור, האָט מען זיי געשלעפּט אין טהרה-שטיבל און, אונטערדרוקנדיק א מת, וואָס איז דאָרט געלעגן, זיי געהייסן אים מטהר זיין. ווען מיט דער טהרה איז שוין געווען אין אָרדנונג, האָט מען דעם מת צוריקגעלייגט אויפן אָרט, און דעם אָרון מיטן געווער, וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט א שוואַרצן דעק, האָט מען צוריקגעטראָגן צום קבר. מיט די באַגרעבער האָט מען שוין געהאַט ווייניקער אַרבעט. עטלעכע „פּאָוסטאַנצעס" האָבן געכאַפּט די לאָפּעטעס און געזאָגט, אַז זיי

וועלן אליין גראָבן. די גרעבער האָבן זיך אפילו אין אָנהויב געריסן, נאָר אביסל משקה האָט אלץ גוט געמאכט.

שוין ביי די ערשטע לאָפּעטעס האָבן זיך די גרעבער דער־שראָקן אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף עפּעס א האַר־טע זאַך. מען האָט אָנגעהויבן גראָבן געלאַסענער, נאָר באַלד זענען אלע אָפּגעשפּרונגען. ווען די ערד איז געווען אויסגע־גראָבן, האָט מען דערזען, אז אין קבר, וואו מען האָט געוואָלט באַגראָבן דאָס געווער, ליגט א מת; ווי עס איז געווען צו דערקענען, א הרוג, ווייל ער איז געלעגן אין די קליידער, דאָס פּנים שרעקלעך צוקאַליעטשעט. איינער פון די „פּאָוסטאַנצעס" איז צוגעגאַנגען נענטער און זיך גוט איינגעקוקט אין מת און ארויסגעלאָזט א געשריי: דאָס איז דאָך אונזער פארשוואונדע־נער חבר, דער „שווארצער מאקס".

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, איז „דער שווארצער מאקס" געהרגעט געוואָרן דורך אומבאַקאַנטע מערדער ביים בית־עולם און די מערדער, כדי מען זאָל זייער פארברעכן נישט אנטדעקן, האָבן זיי אים בסוד אויפן בית־עולם באַגראָבן.

# די שטראָף פאַר ליבע

באַמערקונג:

דידאַקטישע און די קאָמענדיקע (שבת אין גרוב) מעשיות האָט מיר דערציילט (אין יאָר 1910) אַן 80-יעריקער ייד, ר' שלמה הירש ליקערמאַן, וועלכער האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי זיינעם אַ קרוב אויף ושעלאַזנע גאַס נומ. 25, וואַרשע. ליידער איז מיר מער נישט אויסגעקומען אים צו זען און איך האָב זיך פאַרשריבן בלויז צוויי פון זיינע מעשיות.

א. א.

דער אַלטער שלמה הירש ליקערמאַן האָט מיר געוויזן אויף זיין בלינד אויג און מיר אַ זאָג געטון: „איר ווילט דאָך אַודאי וויסן פון וואַנען צו מיר קומט אַזאַ מום... וועל איך אייך דערציילן.

„כ'בין נאָך דאַמאָלט געווען אַ יונגערמאַן אַזוי ווי דו, באַלד נאָך דער חתונה, אַ וואוילן שדוך געטון פון גראָדזיסק און אַ גאַנץ פעטער נדן. קעסט אויך... ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ יונגנמאַן ווי איך, וואָס האָט פון קינדווייז אויף אין ישיבות פאַרבראַכט; ביידע צדדים זענען צופרידן געווען — וואָס איז שייך צו זאָגן צופרידן? מ'קאָן זאָגן גליקלעך.

„נאָכדעם ווי איך בין אַ שטיקל צייט אָפּגעזעסן ביי מיין שווער אויף קעסט, קומט ער איינמאָל אַריין צו מיר,

דער שווער מיינער, לייגט מיר אַרויף די האַנט אויפן אַקסל און רופט זיך אָפּ:

-- שלמהלע... וועסט דאָך מסתּמא נישט בייז זיין אויף מיר... איך וויל דיר עפּעס זאָגן... געלט האָב איך, אַ דאַנק השם יתברך, גענוג. אויסהאַלטן קאָן איך דיך; אויסהאַלטן גע-נוג און גענוג — דער איבערשטער זאָל נאָר שענקען לעבן, און געזונט. פונדעסטוועגן דאַכט זיך מיר, אַז ס'וואָלט פאַר דיר גלייכער געווען זאָלסט זיך אַביסל צוגעוויינען צו געשעפט-זאַכן... איך בין דאָך שוין נישט קיין יונגערמאַן... און מאַלע וואָס ס'מאַכט זיך... רעכן איך, אַז ס'וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז דו זאָלסט זיך נעמען מישן אין מיינע עסקים... אַ גאַנץ גרינגע אַרבעט אין מיינע וועלדער. פאַרצייכנסט וויפיל געהילץ מ'פירט אַרויס, קוקסט זיך צו... און די איבעריקע צייט לערנסטו וויפיל דיין האַרץ גלוסט.

„כאָטש ביז דאַמאָלט האָב איך נאָך נישט געהאַט געטון דעם פינגער אין קאַלט וואַסער, בין איך גאַנץ צופרידן געווען פון מיין שווערס פאַרלאַנג. זיצן אין וואלד, פירן ביכער, גע-שעפטן, אַהין, אַהער — עפּעס אַ פרייע וועלט... בקצור, כ'בין געוואָרן אויפזעער אין מיין שווערס וועלדער. מיין שווער איז געווען שטאַרק צופרידן און איך — נאָך מער.

„נאָר דאָ האָט אין לאַנד גענומען ווערן אומרואיק. פוילן האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון „פאָניע גנב" און די גרעסטע געשלעגן זענען פאָרגעקומען אין די וועלדער. ס'איז געוואָרן אַ סכנה צו זיצן אין וואַלד און מיין שווער האָט מיך שוין געוואָלט אַרויסנעמען פון דאָרט, נאָר איידער וואָס-ווען איז ער אַוועק פון דער וועלט. דאַמאָלט האָב איך שוין קיין ברירה נישט, וואָרום די געשעפטן האָט מען דאָך געמוזט פירן — און איך בין געוואָרן דער איינציקער שיפסקאַפּיטאַן.

„די פּאָוסטאַניע איז דערווייל אַלץ שטאַרקער געוואָרן. מיט מיינע אייגענע אויגן האָב איך געזען די מחנות פּאָווסטאַנ־צעס; מיט עטלעכע אירים האָב איך זיך אַפילו באַקענט און גוט־פריינט געוואָרן און איך האָב אַ סך פון זייערע סודות גע־וואוסט.

„נאָר איינמאָל, בעת איך בין געזעסן אין מיין קאָנטאָר איבער די ביכער, האָב איך דערהערט אַ געטומל אין דרויסן און אַ געטופּעריי פון פערדישע פיס. איך לויף אַרויס און גיב אַ קוק — אַהאַ, קאָזאַקלעך! דאָס האַרץ איז מיר איינגעפאַלן, ווייל פאַרשטאַנען האָב איך, אַז קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען. און כּך־הוה: אַזוי ווי איך שטיי אַזוי, רייט צו מיר צו אַ קאָזאַקישער אָפיציר און גיט אַ געשריי:

— ווער ביסטו און וואָס טוסטו דאָ?

„האָב איך אים דערציילט ווי דער אמת איז; האָט זיך דער אָפיציר צופרידן צושמייכלט און זאָגט מיר:

— אַז דו ביסט דאָ אַ תּושב איז זייער גוט; ווייסטו דאָך זיכער וואו די בונטאָווששיקעס האַלטן זיך אויף!

„ס'איז מיר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. איך הויב אָן שטאַמלען, בעטן זיך, נאָר דער אָפיציר לאָזט מיך נישט ענ־דיקן.

— ווּעסט, — זאָגט ער, — שפּעטער רעדן. איצט קום מיט אונז און ווייז אונז אָן זייערע ערטלעך.

„בקיצור, די תּאָניעס האָבן מיך גענומען פידן און ביי מיר קלאַפּט דאָס האַרץ ווי ביי אַ גזלן. שלמה הירש וועט נישט זיין קיין מסור. פון דעם איז אָפּגערעדט! און אָפּזאָגן זיך, וואָלטן זיי מיך געלאָזט אַ טויטן אויפן אָרט. איז מיר איינגעפאַלן קודם פּטור צו ווערן פון זיי און איך האָב זיי אָנגעוויזן לינקס פון וואַלד, וואו עס האָט זיך געפונען

אַ זומפּ און געזאָגט זיי, אַז דאָרט געפינען זיך די פּאָוסטאַנ־צעס.

„די קאָזאַקלעך זענען אַהין אַוועק און איך האָב גענומען די פיס אויף די פּלייצעס. גאָר באַלד האָב איך דערהערט אַ שיסעריי הינטער זיך. פּאָניע האָט זיך געיאָגט נאָך מיר. דער־ווייל זענען אַרויס פון אַן אַנדער זייט די באַהאַלטענע פּאָוו־סטאַנצעס און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע מלחמה. אין טומל האָב איך זיך אָפּגעטראָגן און עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ צייט פון נע־ונד זיין: וואו געגעכטיקט, דאָרט נישט געטאָגט און וואו געטאָגט, דאָרט נישט גענעכטיקט. די מערסטע צייט האָב איך פאַרבראַכט אין ווארשע — פאָרט אַ גרויסע שטאָט און ס'איז דאָ שווערער עמיצן אויסצוגעפינען!

„מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער גיי איך מיר אַזוי לעבן דער וואָליער ראָגאַטקע פאַרזונקען אין מחשבות, דערפיל איך פּלוצלונג אַ שווערע לאַפּע אויף מיר, און אַז איך קוק זיך אום דערזע איך אַ קאָזאַקישן אָפיציר. דערקענט מיך, הייסט עס... און ער זאָגט מיר מיט אַ גיפטיק שמייכעלע:

— קום! מ'וועט דיר שוין מקיים־פּסק זיין!

* * *

„איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז קיין קניפּ אין בעקל האָט מען מיר דערפאַר נישט געגעבן. אויף אַ פעלד האָט מען מיך אַרויסגעפירט און מען האָט אָנגעלייגט אָט אַזוי הויך שטשאַפּעס האָלץ און עס באַגאָסן מיט נאַפט. מען האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף אָט דער קופּע, ווי אַ וואַזשנעם מחותן. איצט לאַך איך. אָבער דאַמאָלט, זעענדיק פאַר זיך דעם פייער־דיקן מלאך־המות, האָב איך אסור נישט געלאַכט... און אַז מען

האָט דאָס האַרץ אונטערגעצונדן, האָב איך שוין נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר.

„אַ געשריי האָט מיך פּלוצלונג צוריקגעברענגט צו מיינע געדאַנקען. איך האָב די אויגן געעפנט און דערזען אַ ים פון קעפּ, מענטשן און מענטשן... איך וויל זיך רירן און איך קאָן נישט... איך פיל נאָר, אַז מען טראָגט מיך און צוזאַמען מיט מיר א יונגע פרוי, וועלכע האַלט מיך פעסט אַרומגענומען.

„וואָס ווייטער איז געווען געדענק איך נישט קלאָר. איך געדענק נאָר, אַז מ'האָט מיך ווידער פאַרשפּאַרט אין טורמע און ווען איך בין דאָרט אָפּגעזעסן צוויי טעג, האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז אַריינגעקומען איינער פון דער נאַ־טשאַלסטוואָ. ער איז געווען מלא־רציחה און ער האָט מיר שטרענג געזאָגט:

— הער אויס, ייד! דו האָסט דאָס גליק, אַז מיין טאָכ־טער זאָל דיך ליב האָבן... זי האָט דיך דערזען בעת מען האָט דיך אַרויפגעזעצט אויפן שייטער־הויפן און זי האָט זיך גע־וואָרפן אין פייער אַריין דיך צו ראַטעווען. נאָר... דיין לעבן איז סיי־ווי פאַרשפּילט. לאָז איך דיר דאָ אַ פּיסטאָלעט און ווען איך וועל אַוועקגיין, זאָלסטו דיך אַליין דערשיסן. אויב נישט, וועל איך דיך מאָרגן דערשיסן ווי אַ הונט.

„מיט די ווערטער איז ער אַוועק, לאָזנדיק מיר זיין פּי־סטאָלעט. ווי גוט מיר איז געווען אויפן האַרץ, קאָנסטו אַליין פאַרשטיין. כ'האָב מיט זיך געפירט אַ שווערע מלחמה און צום סוף האָב איך באַשלאָסן אַליין צו מאַכן אַ סוף מיט זיך, איי־דער געפּייניקט צו ווערן פון די רוצחים. איך האָב אין זין אויסגעשאָסן און איך בין אומגעפאַלן אויף דר'ערד.

„נאָר ווייזט אויס, אַז פון אויבן איז מיר אָנגעשריבן געוואָרן לאַנגע יאָרן, וואָרום אַז איך בין צו זיך געקומען,

האָב איך זיך געפונען אין אַ שפּיטאָל און איך האָב אויסגעפּו־ נען, אַז מיטן שאָס האָב איך בלויז איין אויג געפּטרט...

„פון שפּיטאָל איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן. איך בין אַוועק קיין אויסלאַנד און אויסגעוועזן וואו די וועלט האָט אַן עק און דער ים אַ ברעג. ערשט מיט 15 יאָר צוריק האָט מען מיר דערלויבט צוריקצוקומען אַהיים".

# שבת אין גרוב

אראָפּ־צו, נאָך דער שימאַנאָווסקי־גאַס, אויפן פרייען פעלד, איז בשעת דער „פּאָוסטאַניע״ געשטאַנען אַ ליימען הייזל, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן, הילצערנעם פּאַרקאַן. דאָרט האָט געוואוינט אַן אַלטע גאָטספאָרכטיקע פאַמיליע. ער, דער מאַן, ר׳ פּלטיאל, איז געווען אַ ייד אַ למדן. טאָג און נאַכט עוסק געווען אין תורה און מעשים טובים, און נאָר עטלעכע שעה פלעגט ער אָפּשפּאָרן אויף דאגות־פּרנסה. זי, אסתרל, דאָס ווייב, אַן אָפּגעהיטענע צניעותדיקע יידענע, האָט דעם מאַן פאַרגעטערט און שטענדיק געשטאַנען גרייט מקיים צו זיין דעם מינדעסטן פאַרלאַנג זיינעם. צוויי קינדער האָט זיי גאָט געשענקט — אַ טאָכטער און אַ זון. ביידע, קיין עין הרע, שיין און קלוג. די טאָכטער שוין מיט מזל אויסגעגעבן. אַ פיינער איידעם, אַ רב פון אַ ליטוויש שטעטל, באָר דער זון געבעך — צו מיליטער האָט מען אים גענומען, אַוועקגעשיקט אים אין טיף רוסלאַנד. בלוט און מילך, גאָט זאָל נאָר העלפן.

די מוטער שלאָפט קיין נעכט נישט, זיבט מען האָט איר טרייסט, איר יצחקל צוגענומען; זיפצט זי און וויינט זיך אויס די אויגן. דער פאָטער בייזערט זיך אפילו: „נו, אסתרל, מען

דארף האָבן בטחון אין גאָט!" זיינע רייד ווירקן אַביסל אויף איר, זי באַרואיקט זיך, נאָר לאַנג געדויערט עס נישט. באַלד פאַרקלעמט איר ווידער דאָס האַרץ און זי גיסט אַ טרער נאָך אַ טרער, נישט איינצוהאַלטן זי! וואו זי קערט זיך און ווענדט זיך: — יצחקל און יצחקל. „דאָ איז יצחקל געזעסן" — „דאָ איז ער געשלאָפן", „דאָרט האָט ער געלערנט", „אַזוי האָט ער געזונגען", און די אַלטע מאַמע זינגט זיך דערביי מיט דעם אייגענעם האַרצרייסנדן ניגון, מיט וועלכן יצחקל האָט אונטער־געזונגען ביי דער גמרא.

— שוין גענוג געקלאָגט, גאָט וועט זיך אויף אונז מרחם זיין — האָט זיך מיט זיין געוויינלעכער ליבער שטים איינמאָל ר' פלטיאל אין אָוונט אָפּגערופן צו זיין ווייב.

— דערויף בעט איך דאָך טאַקע צו דעם, וואָס איך בין נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען — האָט אסתרל זיפצנדיק געזאָגט.

— הער אויס — האָט ר' פלטיאל ווייטער גערעדט — עס האָט זיך געעפנט אַ נייער קוואַל פון האָפנונג. מען טאָר זיך אַפילו נישט פאַרלאָזן אויף אַ בשר ודם, דאָס זעען מיר פון דער שטראָף, וואָס איז געקומען אויף יוסף הצדיק, דערפאַר וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף אַ מענטשן.

— וואָס איז דען אַזוינס? — האָט אסתרל פאַרוואונדערט געפרעגט.

— אַ באַקאַנטער גענעראַל, מיט וועלכן איך פיר געשעפטן, האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט פאַר אונזער יצחקלען זיך סטאַרען מ'זאָל אים באַפרייען פון מיליטער. „ביסט אַ וואוילער, אָרנטלעכער מענטש", האָט ער מיר געקלאַפּט אין פּלייצע אַריין, — „פאַר דיר וועל איך עס טון".

— הלואי, — האָט אסתרל פרייער אָפּגעאָטעמט, — נאָר

באַלד האָט זי זיך ווידער פאַרטראַכט: ווער ווייס! צוזאָגן איז גרינג, בפרט היינט, ווען נאַטשאַלסטוואָ איז פאַרנומען מיט דער „פּאָוואָסטאַניע", האָבן שוין די גענעראַלן נישט מער אין קאָפּ ווי אַ ייד פלטיאל מיט זיין זון יצחק.

— רעד נישט אַזוי, אסתרל, דו קענסט דאָך אים נישט. אַ גאַנץ וואוילער מענטש, דער גענעראַל, האָט ליב אַ יידן, אמתדיק ליב. מ'זאָגט, אַז ער אַליין שטאַמט פון יידן. ער האָט אָנזען אין די הויכע ערטער, ער קאָן זייער פיל העלפן — פריער גאָט, דערנאָך ער.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט. כסדר חזרן זיך איבער די טענות צווישן מאַן און ווייב; שטענדיק די זעלבע זיפצן פון דער מאַמען און די זעלבע טרייסט-ווערטער פון טאַטן.

איינמאָל, אַ דאָנערשטיק, שוין שפּעט ביינאַכט, בעת אסתרל איז, ווי דער שטייגער איז, געלעגן אין איר בעט און געוויינט, און ר' פלטיאל האָט זיך, ווי געוויינטלעך, געשאָקלט איבער אַ ספר, האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. דאָס פאָר-פאָלק האָט אַ צאַפּל געטון און מיט שרעק זיך איינגעהערט.

— ווער איז דאָרט? — האָט ר' פלטיאל אויסגערופן.

— שרעק זיך נישט! דאָס איז יצחקל! — האָט אַ קול פון דרויסן געענטפערט.

טאַטע-מאַמע זענען אויפגעשפרונגען פון פרייד און איבעררַאַשונג. צייט אַ רגע איז די טיר אָפן און יצחקל פאַלט אַריין אין זיין מאַמעס אָרעמס, דערנאָך אין טאַטנס אָרעמס און הייסע קושן, אויסגעמישט מיט טרערן, קלינגען אָפּ.

— פריער גאָט און דערנאָך דער גענעראַל! — האָט ר' פלטיאל געשעפּטשעט.

— אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם פאַר דיין גרויסן חסד! — האָט די מאַמע געמורמלט מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל.

— וואָס צאַפּלסטו אַזוי, יצחקל? — האָט די מאַמע דער שטוינט אים אַ פרעג געגעבן, זעענדיק ווי יצחקל ציטערט־איינגאַנצן.

— נו, פון פרייד, פון גרויס שמחה! — האָט ר׳ פלטיאל געענטפערט פאַר יצחקלען.

— יאָ, טאַטעשי, פאַר פרייד... און... קומט... לאָמיר וואָס שנעלער אַנטלויפן... — האָט יצחקל מיט שרעק געריעדט.

— אום גאָטעס ווילן! וואָס איז? וואָס מיינסטו?

— כ׳בין אַנטלאָפן!

— אַנטלאָפן? ביסט נישט פריי?... און... דער גענעראַל?...

— הערט, מען האָט אונזער פאָלק אַרויסגעשיקט קיין פוילן איינצושטילן דעם אויפשטאַנד. שוין פיר טעג געפינען איך זיך דאָ. דער פאָלק לאַגערט דערווייל אין פּרושניץ. איך האָב נישט געקענט... מיר זענען דאָך פוילישע... האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן... צוויי טעג האָט געדויערט אַהער... מען זוכט מיך שוין אַודאי. קומט־זשע, מיר מוזן וואָס שנעלער אוועק פון דאַנען.

— וואוהין? — האָבן די פאַרצווייפלטע עלטערן געבראָכן די הענט און געקוקט ווי צעמישטע אויף זייער זון.

— אַלצאיינס וואו... אָבער דאָ טאָרן מיר נישט פאַר־בלייבן. איך רעכן, אַז מיר וועלן זיך קענען באַהאַלטן אין גרויסן גרובן, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון אונזער פאַר־קאָן און איז אַרומגעצוימט מיט ביימער. דער עיקר דער שבת זאָל אַריבער, וועלן מיר שוין אויסזוכן אַ מיטל ווי אַזוי אינ־גאַנצן צו אַנטלויפן פון רוסלאַנד.

אסתרל האָט געשווינד אויף זיך אַרויפגעכאַפּט אירע קליידער; ר׳ פּלטיאל האָט גענומען זיין טלית און תּפילין און צייט פינף מינוט זענען אַלע געווען אויסגעזעצט אין טיפן גרובן.

— דער גאָט, וואָס האָט מציל געווען דניאל פון לייבן גרוב, וועט אונז אויך מציל זיין! — האָט ר׳ פּלטיאל געזאָגט, זיך אַראָפּלאָזנדיק אין גרוב אַריין.

פּרייטיק פאַרטאָג האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון געווער און טריט פון אַ סך מענטשן. די ליגנדיקע אין גרוב האָבן גוט געהערט ווי מען האָט געעפנט די טיר פון זייער הייזל און ווי מען איז אין אַ היפּשער וויילע שפּעטער צוריק אַרויס. די מערסטע זענען אַוועק און עטלעכע זענען געבליבן אויף דער וואַך. די באַהאַלטענע האָבן געציטערט די וואַך זאָל נישט באַמערקן. נאָר... טריט האָבן זיך גענומען דערנענטערן... אָט זענען עטלעכע סאָלדאַטן איבער גרובן אַריבערגעגאַנגען — נישט ווי איבער אַ גרוב, נאָר ווי איבער פעסטע ערד, זיך אפילו נישט אומגעקוקט, גלייך ווי גאָרנישט.

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער הייליקער שבת. אסתרל איז געווען טרויעריק וואָס זי קאָן נישט קיין ליכט בענטשן, נאָר דאָ איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלן אַ שלאָף און ווען זיי האָבן דערנאָך די אויגן געעפנט, האָבן זיי זיך געפונען אין אַ ליכטיקן זאַל, וואו גרייט אויף אַ ווייס-געדעקטן טיש זענען געשטאַנען פון די בעסטע מאכלים. אַלע האָבן זיך משמח געווען און פריילעך פאַרבראַכט דעם שבת, דערנאָך זענען זיי ווידער פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף און ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען נאָך שבת. זיי האָבן זיך געפונען אין גרוב, נאָר אין דרויסן איז שוין די וואַך נישט געווען און טאַטע-מאַמע מיט זייער זון האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן קיין גאַליציע.

## פֿון דעמזעלביקן מחבר:

די צווייטע עקזיסטענץ (אָפּהאַנדלונג איבערן ספּיריטואַליזם)

ביי די ראַנדן (לידער)

אין עליאַשס קעניגרייך (לידער)

די כינעזישע פֿילאָזאָפֿיע און פּאָעזיע (אָפּהאַנדלונג)

פֿאַר די ליכט (לידער)

די רייד פֿון בודאַ

Free Public Library, Newark, N. J.